ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# שבועות

בלשון הקודש
ואידיש

**225**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת שבועות

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת שבועות

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

(דף ד ע"ב) **א תניא** (דברים טו) מרצע אין לי אלא מרצע מנין לרבות הסול והסירה הכוס והסקדה והמכתב ת"ל (שם) ולקחת כל דבר הנלקח ביד דברי ר' יוסי בר' יהודה ר' אומר מרצע מה מרצע מיוחד של מתכת אף כל של מתכת :

הסול. התיכת עץ תודה : כסיכס . קין : המכתב: הרט מקוכין גרים"ל : אין כלים מקבלי טומאה. שבלו עליה אתר שמצרס :

(דף ה) **ב אמר** מר ונעלם מכלל שידע מאי משמע אמר רבא מדלא כתיב והיא עלומה ממנו א"ל אביי אלא מעתה גבי סוטה דכתיב (במדבר ה) ונעלם מעיני אישה מכלל דהוה ידע מעיקרא אי הוה ידע מי בדקי לה מיא והתניא (שם) ונקה האיש מעון

---

**א** תניא : מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק אז אידישער קנעכט האט געדינט ביי א אידען זעקס יאהר . זאל ער שוין פרייא ווערען . אונ אויב ער וויל ניט פרייא ווערען נאר ער וויל ווייטער דינען . זאל מען איהם שטעכען דעם אויער מיט א מרצע ומיט אזוי אנאדעל וואס הייסט מרצע . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען מעג איהם שטעכען דעם אויער מיט א שפיציג שטיקול האלץ אויך . אדר מיט א דארען . אדער מיט א פראסטע נאדעל . אדער מיט א אייזערנע פעדער (אסטאלקע) . שטייט אין פסוק דוא זאלסט נעמען דעם מרצע . איז דאך דער ווארט "נעמען" איבעריג . עס דארף שטיין דוא זאלסט איהם שטעכען דעם אויער מיט א מרצע . געווים וועט ער מוזען דעם מרצע נעמען אין האנט ווען ער וועט דארפען מיט איהם שטעכען . נאר דער פסוק מיינט דוא זאלסט נעמען א מרצע אדער איין אנדער זאך וואס ווערט גינומען אין האנט אונ מען קען מיט דעם שטעכען . אונ זאלסט איהם שטעכען דעם אויער . אזוי זאגט רבי יוסי ברבי יהודה : רבי זאגט דריבער שטייט אין פסוק מרצע . צו זאגין אזוי ווי א מרצע איז פון אייזען (דאס איז אנגעמאסטענע זאך) . אזוי אלע גימאסענע זאכען (מעשר אייזען . קופער . מעש . אונ נאך אזעלכע זאכען) . וואס מען קען מיט דעם שטעכען . מעג מען שטעכען מיט אידם דעם אויער פון דעם קנעכט . אבער די שטעכעדיגע זאכען וואס זענען ניט פון גימאסענע זאכען . טאר מען ניט שטעכען מיט דעם שטעכער דעם אויער פון דעם קנעכט :

**ב** אמר . דער תנא האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק ונעלם . עס איז פאר געסען גיווארען . האט ער אמאהל גיוואוסט . אזוי זאגט דער תנא . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז אזוי . טאמער מיינט מען עס איז גיווען פון אים פאר געסין פון אנהייב אן . ער האט קיין מאהל ניט גיוואוסט , האט רבא גיזאגט אז מען וואלט מיינען ער האט קיין מאהל ניט גיוואוסט . האט גידארפט שטיין אין פסוק והיא עלומה ממנו . אונ זיא איז פאר געסין פון אים פון אנהייב אן . אז עס שטייט ונעלם . עס איז פאר געסין גיווארין . מיינט מען פריער האט ער גיוואוסט . נאר איצט איז גיווארין פאר געסין . האט אביי גיזאגט צו רבא ביי א סוטה שטייט אין פסוק ונעלם מעיני האיש . אונ עס איז פאר בארגין געווארין פון די אויגין פון איר מאן : ווייל מיר זאגין דעם ווארט גיווארין . וועסטו אויך זאגין פריער האט דער מאן גיוואוסט . נאר איצט איז פון איהם פאר בארגין גיווארין . איז דאך א קשיא אויב דער מאן האט פריער גיוואוסט אז זיין ווייב פאר בארגט זיך מיט אנדערע מענטשין . אונ פון דעסט וועגין האט ער נאך גיוואהנט מיט איר . דער נאך האט ער איר פאר זאגט זיא זאל זיך שוין מער ניט פאר בארגין מיט קיין מענטש . אונ זיא האט זיך יא פאר בארגין גיט מען איהר טרינקען דיא מים המאררים . אויב דער מאן האט גיוואוסט אז דאס ווייב פאר בארגט זיך מיט אנדערע מענטשין אונ ער האט מיט איהר גיוואוהנט . טוהען דאך איהר דיא מים המאררים גאר קיין שלעכטס ניט . וואריום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דער מאן וועט זיין ריין פון אזינד אונ דיא אשה וועט טראגען איר זינד . אזוי מיינט דר פסוק אז דער מאן וועט זיין ריין פון אזינד וועלין דיא מים המאררים שלעכט מאהן דער ווייב . אבער אז דער מאן וועט ניט זיין ריין פון אזינד ודהיינו דער מאן האט גיוואוהנט

מעון והאשה ההיא תשא את עונה בזמן שהאיש מנוקה מעון המים בודקין את אשתו אין האיש מנוקה מעון אין המים בודקין את אשתו. ותו גבי תורה דכתיב (איוב כח) ונעלמה מעיני כל חי ומעוף השמים נסתרה מכלל דאיבא דהוה ידע בה והכתיב (שם) לא ידע אנוש ערכה אלא אמר אביי קסבר רבי שידיעת בית רבו שמה ידיעה:

ידיעה בית רבו. שלמד בבית רבו שהנוגע בטומאה טמא והוא ידע שהרגיש כשנוגע אבל לא התכוון לשום על לבו שנטמא שמה ידיעה: שאם מת. קודם שיודע לו: מיתה ממרקת. דהכי אמרינן בפרק בתרא דיומא שמיתה ממרקת כל העונות שעשה תשובה עליהם ואין התשובה עמהם כפרתן ולא יה"כ גומר כפרתן כגון עבירות חמורות:

(דף ו ע"ב) ב ותאכל כל ארעא ותדושנה ותדקנה (דניאל ז) אמר ר' יוחנן זו פרס שטבעה יצא בכל העולם כולו:

(דף ח ע"ב) ג וכי תימא אין בה ידיעה בתחלה ויש בה ידיעה בסוף שעיר הנעשה בחוץ ויה"כ מכפר ס"ד אמינא וכו' וכי מאחר שאינו מכפר למה תולה א"ר זירא לומר שאם מת מת בלא עון א"ל רבא אם מת מיתה ממרקת אלא אמר רבא

---

מיט זיין ווייב. דער נאך וויא זיא האט זיך פאר בארגין מיט אנדערע מענטשין) טוהען ניט דיא וואסער שלעכטס דיא אשה. אונ נאך אקשיא איז בייא דער תורה שטייט אין פסוק ונעלמה מעיני כל חי (דיא תורה איז פאר בארגין געווארען פון דיא אויגען פון אלע לעבעדיגע מענטשין. ומעוף השמים נסתרה ופון אלע פויגלען פון הימעל איז זיא פאר בארגין געווארען. וייל מיר זאגין דעם ווארט "געווארען" וועלען מיר אויך זאגין פריער האט מען געוואוסט פון דער תורה. נאר דך נאך איז זיא פאר בארגין געווארען. עס שטייט דאך אין פסוק עס האט קיין מענטש ניט געוואוסט דעם שאצונג פון דער תורה. האט מען דאך קיין מאהל גיט געוואוסט פון דיא תורה. האט אביי געזאגט וואס רבי זאגט ונעלם עס איז פאר געסען געווארען. אבער אמאהל האט מען געוואוסט. מיינט מען ניט ער האט געוואוסט אז ער איז טמא אונ איז אריין גיגאנגען אין בית המקדש אדער אז ער עסט קדשים. דער נאך האט ער פאר געסין. גיין ער האט פון זיין טומאה גאר ניט געוואוסט. אדער ער האט גאר ניט געוואוסט אז דאס איז קדשים. אדער ער האט ניט געוואוסט אז דאס איז דער בית המקדש. נאר וואס דען האט ער געוואוסט. ער האט נאר געוואוסט דעם דין וואס ער האט גילערונט בייא זיין רבי אז א טמא טאר ניט אריין גיין אין בית המקדש אונ טאר ניט עסין קדשים. אונ בייא אסוטה מיינט מען אויך אזוי. ער האט פון איר פאר בארגענעש גאר ניט געוואסט. ער האט גאר געוואסט דעם דין פון אסוטה וואס ער האט גילערונט בייא זיין רבי:

ג ותאכל. דניאל האט געזאגט ער האט גיזעהן אין חלום וויא דיא חיה עסט אויף דיא גאנצע וועלט אונ זיא צו טרעט אונ צו שטויסט. וועמען מיינט מען דיא חיה. האט רבי יוחנן געזאגט דאס מיינט מען פרס. וואס איר נאמען איז ארויס גיגאנגען אויף דיא גאנצע וועלט:

ד וכי. טאמער וועסטו זאגין אז ער האט ניט געוואסט פריער איידער ער האט גיטאהן דיא עבירה. נאר דער נאך וויא ער האט שוין גיטאהן דיא עבירה האט ער געוואסט. זאל אויף אים מכפר זיין דער שעיר וואס מען שפריצט זיין בלוט אויף דעם אויס ווייניגסטען מזבח אונ יום כפור אליין זאל אויך אויף איהם מכפר זיין (וועיין בגמרא). דער נאך פרעגט דיא גמרא אז עס איז אויף אים ניט מכפר געגין וואס זאגין מיר דיא עבירה היינגט (דאס הייסט דיא עבירה איז ניט אויף דעם מענטשין. אונ זיא איז ניט מכופר געווארען. אזוי וויא אזאך וואס היינגט אין דער לופטען זיא איז ניט אויף דעם הימעל אונ ניט אויף דיא ערד). האט רבי זירא געזאגט אויב דער מענטש שטארבט איידער איהם איז דער וואוסט געווארען דיא עבירה. ווערט איהם דיא עבירה ניט גירעכונט. האט רבא געזאגט צו רבי זירא דאס שטארבען איז מכפר אויף אלע

עבירות

רבא להגין עליו מן היסורין :

(דף ט) **ה אמר** ריש לקיש מה נשתנה שעיר של ראש חדש שנאמר בו לה' אמר הקב"ה שעיר זה יהא כפרה עלי שמעטתי את הירח :

(דף י) **ו אמר** רבי יונה אמר קרא (במדבר כט) אלה תעשו לה' במועדיכם הוקשו כל המועדים כולם זה לזה והא ר"ח לאו מועד הוא איברא ראש חדש נמי איקרי מועד כדאמר אביי דאמר אביי תמוז דההיא שתא מלויי מליוה דכ' (איכה א) קרא עלי מועד לשבור בחורי :

(דף יב ע"ב) **ז מנא** ה"מ דת"ר (ויקרא יז) וכפר על הקדש מטמאות בני ישראל וגו' פשעים אלו המרדים וכן הוא אומר (מ"ב ג) מלך מואב פשע בי ואומר (שם ח) אז תפשע לבנה בעת ההיא . חטאות אלו השגגות וכן הוא אומר (ויקרא ד) נפש כי תחטא בשגגה :

הביאו עלי כפרה . להפיס דעתה של לבנה : איברא . באמת : קרא עלי מועד . במס' תענית תמוז דהאי שתא של שנה ראשונה ליציאת בני ישראל ממצרים שבשלחו בה המרגלים בכ"ט בסיון מלויי מליוה להמוז לפיכך אירע בו יום חזרת המרגלים בט' באב ויבכו העם בלילה ההוא בכי באב בכו בכיה של חנם והוקבע להם בכיה לדורות לשבור בחורי . בחורבן הבית :

על

---

עבירות וואס דער מענטש האט אויף זייא גיטאהן תשובה . נאר וואס דען מיינט מען דיא עבירה היינגט צו בשיצען אויף איהם פון יסורים . ביז איהם וועט דער וואגסט ווערין די עבירה . וועט ער ברייגען אקרבן חטאת :

**ה** אמר . ריש לקיש האט גיזאגט פאר וואס איז גיענדערט גיווארען דער שעיר פון ראש חודש פון אלע שעירים . וואס ביא דעם שעיר פון ראש חודש שטייט מען זאל איהם מקריב זיין צו גאט ואלע קרבנות איז מען דאך מקריב צו גאט . נאר דאס מיינט דער פסוק גאט האט גיזאגט דער שעיר פון ראש חודש זאל מכפר זיין אויף מיר וואס איך האב קלענער גימאכט דיא לבנה פון דיא זוהן :

**ו** אמר . רבי יונה האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק דיא קרבנות זאלט איהר מאכען צו גאט אין אייערע ימים טובים . זענען געגליכען געווארען אלע ימים טובים איינער צום אנדערין . פרעגט דיא גמרא ראש חודש איז דאך ניט קיין יום טוב . ענטפערט דיא גמרא ראש חודש איז טאקי ניט קיין יום טוב נאר דער פסוק רופט איהם יום טוב . אזוי וויא אביי האט גיזאגט דער חודש תמוז פון דעם יאהר וואס מען האט געשיקט דיא מרגלים האט מען איהם גימאכט פול מיט דרייסיג טעג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט גיזאגט גאט האט גערופען אויף מיר איום טוב דאס הייסט מען האט גימאכט ראש חודש אב מיט אטאג שפעטער) עס זאל אוים קומען דער געוויין פון דיא יודען דיא נאכט פון תשעה באב . וויל אין דער נאכט איז אויך גיזעצט גיווארען פון גאט מען זאל צוא ברעכען מיינע יונגע לייט . ביא דעם חורבן פון בית המקדש וואס ער איז צווייא מאהל חרוב גיווארען אין דער נאכט פון תשעה באב . זעהן מיר אז ירמיה רופט דעם טאג ראש חודש מועד · יום טוב :

**ז** מנא . פון וואגען ווייסען מיר דיא רייד . ווארום דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ער זאל מכפר זיין אויף דיא היילעגקייט פון דיא טומאות וואס דיא יודען האבען מטמא גיוועין אונ פון זייערע פשעים אונ פון זייערע חטאות . פשעים מיינט מען די עבירה וואס אמענטש טוהט צו דער צערענען גאט ווייל ער וויל איהם ניט דינען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מלך מואב פשע בי . דער מלך פון מואב האט געזינדיגט צו מיר . ער וויל מיך ניט דינען . נאך שטייט אין פסוק אז תפשע לבנה בעת ההיא . אין דער צייט האט לבנה געזינדיגט צום מלך יהודה . זיא האט איהם ניט גיוואלט דינען . חטאות מיינט מען דיא עבירה וואס אמענטש טוהט אומגערין ניט וויסענדיגן . למשל ער האט פאר געסין אז היינט איז שבת אונ ער האט אן גיצונדען אליכט . אדער ער האט ניט גיוואוסט אז דיא זאך טאר מען ניט טאהן . אונ אזוי שטייט אין פסוק נפש כי תחטא בשגגה . אמענטש וואס וועט זינדיגען אומגערין . זעהן מיר אז דיא זינד וואס מען טוהט אומגערין . ווערט גערופען חטא :

על

(דף יב ע"ב) **ח משנה** על שאר עבירות שבתורה הקלות והחמורות וכו' עשה ולא תעשה כריתות ומיתות ב"ד על כלן שעיר המשתלח מכפר: **גמ'** (דף יב ע"ב) האי עשה היכי דמי אי דלא עבד תשובה (משלי כא) זבח רשעים תועבה אי דעבד תשובה כל יומא נמי דתניא עבר על מצות עשה ועשה תשובה לא זז משם עד שמוחלין לו א"ר זירא (דף יג) בעומד במרדו ורבי היא דתניא רבי אומר על כל עבירות שבתורה בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה יוה"כ מכפר חוץ מפורק עול ומגלה פנים בתורה ומפר ברית בשר שאם עשה תשובה יוה"כ מכפר ואם לאו אין יום הכפורים מכפר. מ"ט דרבי דתניא (במדבר טו) כי דבר ה' בזה זה הפורק עול ומגלה פנים בתורה. ואת מצותו הפר זה המפר ברית בשר. הכרת

תכרית

אי עשה. דמכפר עליה יוה"כ: היכי דמי אי דלא עשה תשובה. באינו חוזר על חטאו: הא כתיב זבח רשעים תועבה. והיכי מכפר עליה קרבן יוה"כ: אי דעביד תשובה. למה ליה יוה"כ כל יומא נמי תשובה מכפרת עליה דתניא לא זז משם עד שמוחלין ליה: בעומד במרדו. דלא עבד תשובה ודקשיא לך זבח רשעים תועבה מתני' רבי היא דאמר יוה"כ מכפר על שאינן שבין והאי קרא מוקי לה בשאר יומי: פורק עול. כופר בעיקר: ומגלה פנים בתורה. בא על דברי תורה בחוצפה או בגלוי עזות פניו כגון מנשה שהיה יושב ודורש באגדות של דופי לא היה למשה לכתוב אלא ותמנע היתה פילגש וילך ראובן בימי קציר חטים כדאמרינן בחלק: ברית בשר. מילה: דבר ה' בזה זה הפורק עול. שבזה דבור ראשון האמור בסיני אנכי ה' אלהיך שלא שמעו אותו אלא מפי הגבורה: ומגלה פנים. מדאפקיה קרא בלשון בזיון זהו בוזה דברי תורה כולה: זה המפר ברית בשר. הכרת

---

**ח** משנה. על. אויף אנדערע עבירות פון דער תורה. גרינגע אונ שווערע. מצות עשה אונ מצות לא תעשה אונ די עבירות וואס אויף זייא קומט כרת אונ דיא עבירות וואס בית דין הרגנן אויף זיי. אויף אלין איז מכפר דער שעיר וואס ווערט אוועק געשיקט לעזאזל. פרעגט דיא גמרא וואס מיר זאגין אז איינער האט ניט מקיים געוועזן אמצות עשה ולמשל ער איז ניט געזעסן אין סוכה) איז יום כפור אויף איהם מכפר. וויא אזוי שמועסט מען: אויב ער הט ניט גיטאהן תשובה (ער האט ניט חרטה אויף דיא עבירה). איז ער דאך ארשע שטייט דאך אין פסוק דעם קרבן וואס דיא רשעים ברייגגען איז ביי גאט פר מיאוס. וויא אזוי איז אויף איהם מכפר דער קרבן פון יום כפור. אונ אויב ער האט יא גיטאהן תשובה. צו וואס דארף ער דעם יום כפור. אלע טאג ווען מען טוהט תשובה איז אויף איהם מכפר. ווארום מיר האבען גילערונט אז איינער האט ניט מקיים געוועזן אמצות עשה ולמשל ער איז ניט געזעסן אין סוכה) אונ ער האט גיטאהן תשובה. גייט ער ניט אוועק פון דעם ארט ביז מען איז אים מוחל דיא עבירה. הט רבי זירא גזאגט דא שמועסט אז ער הט ניט גיטאהן קיין תשובה. אונ דיא משנה איז וויא רבי. ווארום מיר האבען גילערנט רבי זאגט אויף אלע עבירות וואס שטייט אין דער תורה סיי ער האט גיטאהן תשובה כיי ער האט ניט גיטאהן תשובה. איז יום כפור מכפר. נאר אז איינער לייקינט אין גאט. אדער ער רעט שלעכטע רייד אויף די תורה אזוי ווא מנשה הט גזאגט מער האט שוין משה ניט גיהאט צו שרייבען אין דער תורה. נאר אז תמנע איז געוועזן אפילגש צו אליפז. אדער ער איז ניט מל זיין קינד. אויף די אלע דרייא עבירות אויב ער האט גיטאהן תשובה איז יום כפור מכפר. אונ אויב ער האט ניט גיטאן תשובה איז יום כפור ניט מכפר. ווערט אזוי זיין דער דין אויב ער האט ניט מקיים געוועזן אמצות עשה אונ ער טוהט תשובה אפילו אין מיטען יאהר איז מען איהם מוחל. אונ אויב ער טוהט ניט קיין תשובה איז מען איהם אין מיטען יאהר ניט מוחל. אפילו ער ברייגגט אקרבן איז מען איהם אויך ניט מוחל. אבער יום כפור איז מכפר אויף איהם אפילו ער האט קיין תשובה ניט גיטאהן. פר וואס זאגט רבי אז אויף די דריי עבירות איז אפילו יום כפור ניט מכפר אן תשובה. ווארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ער האט פאר שעמט דיא רייד פון גאט. דאס מיינט מען דער וואס לייקינט אין גאט אונ ער רעט שלעכטע רייד אויף דיא תורה. זיינע מצות האט ער פאר שטערט. דאס מיינט מען ער האט גישטערט דיא מצוה פון מילה. הכרת תכרת. ער זאל פאר שניטען ווערין פאר יום כפור. אונ ער זאל פאר שניטע

ווערין

תכרת הכרת לפני יום הכפורים תכרת לאחר יום הכפורים יכול אפילו עשה תשובה ת"ל עונה בה לא אמרתי אלא בזמן שעונה בה. ורבנן הכרת בעה"ז תכרת לעולם הבא. עונה בה שאם עשה תשובה ומת מיתה ממרקת:

ט תניא יכול לא יהא יה"כ מכפר אא"כ התענה בו וקראו מקרא קדש ולא עשה בו מלאכה לא התענה בו ולא קראו מקרא קדש ועשה בו מלאכה מנין ת"ל (ויקרא כג) יום הכפורים הוא מ"מ אמר אביי לא קשיא הא רבי והא רבי יהודה וכו':

מאי יחידית: לא אמרתי אלא בזמן שעושה בה - אלמא בשאינו שב קאי קרא ובהכי הלם הוא דגלי לן אף לאחר יוה"כ הא בשאר אע"פ שאינו שב יוה"כ מכפר: ורבנן. דאיה להו נמי בשאר עבירות שאין יוה"כ מכפר על שאינם שבים אמרי לך הא דגלי לן קרא בהכי הלא לאו ביוה"כ איירי אלא בכרת סברת דקאמר בכרת בעוה"ז תכרת לעוה"ב שאף מיתה איננה ממרקת על שלא כללו בלא תשובה אבל בשאר עבירות בלא תשובה נמי מיתה ממרקת אחר יוה"כ אבל יוה"כ בלא מיתה לא: שאם עשה תשובה ואין עונה בה מיתה ממרקת על שלם שלא ולא תכרת לעוה"ב:
לא קראו מקרא קדש. לא קבלו בברכותיו לומר מקדש ישראל ויום הכפורים:
אין מוסיפין. לעיל היא קדושה כהלשונה: שתי תודות. מפרש בגמרא שני לחמי תודה ובהן משלין אותם בהיקף סביב:

## ידיעות הטומאה פרק שני

(דף יד) א משנה אין מוסיפין על העיר ועל העזרות אלא במלך ונביא ואורים ותומים וסנהדרין של שבעים ואחת ובשתי תודות ובשיר

---

ווערין נאך יום כפור. ווארום יום כפור איז ניט מכפר דיא עבירה. איך וואלט מיינען אפילו ער האט גיטאהן תשובה. זאל ער אויך פאר שניטען ווערין. שטייט אין פסוק איר זינד איז אין איר. ווען זאל ער פאר שניטען ווערין אז דיא עבירה איז נאך ביי אידם. אבער אז ער האט אוועק גילאזן דיא עבירה אונ ער האט גיטאהן תשובה. ווערט ער ניט פאר שניטען ווערין. דאס איז נאר ביי די דריי עבירות איז יום כפור ניט מכפר אן תשובה. אבער ביי אנדערע עבירות אפילו ער האט ניט תשובה גיטאהן איז אויך יום כפור מכפר. אונ דיא רבנן זאגין ווס עס שטייט צווייא מאהל כרת והכרת תכרתו מיינט מען ער ווערט פאר שניטען ווערין אויף דער וועלט. אונ ווערט פאר שניטען ווערין אויף עולם הבא. אפילו דער טויט איז אויך ניט מכפר אויף די דריי עבירות אויב ער האט ניט גיטאהן תשובה. אבער אויף אנדערע עבירות אויב ער הט גיטאהן די עבירה פר יום כפור. אונ ער איז גישטארבן נאך יום כפור: איז דער טויט מיט יום כפור מכפר אפילו אן תשובה. אבער יום כפור אן דעם טויט אונ אן תשובה איז ניט מכפר אויף קיין עבירה. אבער אז ער האט גיטאהן דיא דרייא עבירות. אונ ער האט גיטאהן תשובה אונ איז גישטארבען. איז דער טויט מכפר. אונ ער וועט האבען עולם הבא:

ט תניא. מיר האבען גילערנט איך וואלט מיינען אז יום כפור זאל אנדערש ניט מכפר זיין נאר צו דעם מענטש ווס הט גיפאסט אין אידם אונ האט אידם גיהאלטען פר איום טוב אונ ער האט ניט גיטאהן אין אידם קיין ארבעט. אבער פון וואנען וייסען מיר אז יום כפור איז מכפר אפילו צו דעם מענטש וואס האט אין איהם ניט גיפאסט. אונ האט אידם ניט גיהאלטען פאר איום טוב. אונ ער האט גיטאהן אין איהם אארבעט. שטייט אין פסוק יום כיפורים הוא. דאס איז אטאג פון מכפר זיין. דער טאג איז מכפר צו אלע מענטשין. האט אביי גיזאגט עס איז ניט קיין קשיא אין דער זאך קריגט רבי מיט רבי יהודה (ועיין בגמרא):

## פרק שני

א משנה. אין. מען טאר ניט פאר גרעסערין דיא שטאט ירושלים. אונ מען טאר ניט פאר גרעסערין דיא עזרות. נאר אז דער מלך אונ דער נביא אונ דער כהן גדול מיט די אורים ותומים

ובשיר ובב"ד מהלכין ושתי תודות אחריהם וכל ישראל אחריהם :

(דף טו) **ב תניא** נאמר בעולת בהמה (ויקרא א) אשה ריח ניחוח ונאמר בעולת העוף (שם) אשה ריח ניחוח ובמנחה (שם ב) אשה ריח ניחוח מלמד אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים :

(שם ע"ב) **ג אין** בנין בית המקדש בלילה דאמ־ אביי מנין דאין בנין בה"מ בלילה שנאמר (במדבר ט) וביום הקים את המשכן ביום מקימו אבל בלילה אין מקימו :

ה"ר שיר של תודה היו אומרים שם בכנורות ומאי שיר של תודה מזמור לתודה : ארוממך ה'. וגו' כולו מזמור שיר חנוכת הבית לכך אומר אותו : ושיר של פגעים . יושב בסתר עליון ולפי שאמרו משה בהקמת המשכן דכתיב ויברך אותם משה ומה ברכן יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם ויהי נועם ה' אלהינו עלינו הכי איתא בתורת כהנים והוא מי"א מזמורים שאמר משה בספר תהלים מתפלה למשה עד סוף מזמור לתודה : פגעים . מזיקין שם נגעין בבני אדם להזיק : ואומר ה' מה רבו צרי . לפי שנאמר בו רבים אומרים לנפשי אין ישועתה לו באלהים סלה שהיו המתלוננים צרי יהודה ובנימין כשהיו בני ישראל בני הגולה בונים את החומה שנאמר מה היהודים האמללים עושין שהיו את האבנים מערמות העפר והמה שרופות ואומר את

**ד ת"ר** שיר של תודה בכנורות ובנבלים ובצלצלים על כל פנה ופנה על כל אבן גדולה שבירושלים אומר (תהלים ל) ארוממך ה' כי דליתני וגו' שיר של פגעים וי"א שיר של נגעים מ"ד דנגעים דכתיב (שם צא) ונגע לא יקרב באהלך ומאי דכתיב פגעים דכתיב יפול מצדך אלף ורבבה מימינך (בכנורות ובנבלים ובתופים אומר) ואומר יושב בסתר עליון וגומר עד כי אתה ה' מחסי וחוזר ואומר (שם ג) מזמור לדוד

---

והתומים אונ דיא איין אונ זיבעציג סנהדרין ווילען מען זאל פאר גרעסערין . אונ זייא אלע דארפין גיין ארום דעם גייעם ארט וואס מען הייליגט . אונ מען טראגט צווייא ברויט פון צוויי קרבנות תודה וואס מען איז מקריב . פון איין קרבן תודה איין ברויט . אונ פון אנדערין קרבן תודה איין ברויט . אונ דיא לוים גייען פאר אוים פאר דיא צווייא ברויט אונ זינגען . אונ בית דין גייען אינטער דיא צווייא ברויטין אונ דיא צווייא תודות טראגט מען אינטער בית דין . אונ אלע יודין גייען אינטער די צוויי תודות :

**ב** תניא . מיר האבען גילערונט אז איינער ברייננט אבהמה פאר עולה שטייט אין פסוק אשה ריח ניחוח . אונ אז איינער ברייננט אעוף פאר אעולה שטייט אויך אין פסוק אשה ריח ניחוח . אונ אז איינער ברייננט מעהל אמנחה שטייט אויך אין פסוק אשה ריח ניחוח . דער פסוק לערונט אונז זייא איינער ברייננט אגרויסען קרבן . אונ זייא איינער ברייננט אקליינעם קרבן . אז ער מיינט נאר פון גאטס וועגין . זענען זייא גאט ביידע גלייך :

**ג אין** . ביי נאכט האט מען ניט גידארפט באהען דעם בית המקדש . ווארום אביי האט גזאגט פון וואנעט ווייסען מיר אז ביי נאכט זאל מען ניט באהען דעם בית המקדש . ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וואס ער האט אויף גישטעלט דעם משכן . ביי טאג האט מען אויף גישטעלט דעם משכן אבער ניט ביי נאכט :

**ד** תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערונט ווען מען האט פאר גרעסערט ירושלים אזוי וויא עס שטייט אין סימן או האט מען גיזונגען דעם קפיטול מזמור לתודה . אונ מען האט געשפילט מיט כינורות אונ נבלים אונ צלצלים . אויף יעדער ווינקול אונ אויף יעדער גרויסען שטיין וואס אין ירושלים האט מען גיזונגען דעם קפיטול ארוממך יי' כי דליתני . אונ מען האט גיזונגען דעם קפיטול יושב בסתר עליון . דעם קפיטול רופט מען שיר של פגעים דער שיר פון שדים . אנדערע זאגין מען רופט איהם שיר של נגעים . דער וואס רופט דעם קפיטול שיר פון נגעים . ווייל אין דעם קפיטול שטייט ונגע לא יקרב באהלך . אונ דער וואס רופט דעם קפיטול שיר פון שדים . ווייל אין דעם קפיטול שטייט פון דיין לינקע זייט וועט פאלין טויזענד שדים אונ פון דיין רעכטע זייט וועט פאלען צעהן טויזענד שדים . אונ דעם קפיטול יושב בסתר עליון

לדוד בברחו מפני אבשלום בנו עד לה' הישועה על עמך ברכתך סלה רבי יהושע בן לוי אומר להו להני קראי וגני היכי עבד הכי והא א"ר יהושע ב"ל אסור להתרפאות בדברי תורה להגן שאני ואלא כי אמר אסור בדאיכא מכה אי דאיכא מכה אסור ותו לא והתנן הלוחש על המכה אין לו חלק לעה"ב הא אתמר עלה א"ר יוחנן ברוקק שנו לפי שאין מזכירין ש"ש על הרקיקה :

יענה שופל וסרן הומות אבניהם : להני קראי . שיר של פגעים : וגני . כשהיה הולך לישן בלילה : דליכא מכה . ולוחש עליה פסוקים של תורה להתרפאות ומקשינן ואי ליכא מכה אם כן הוא דקאמר בה רבי יהושע ב"ל והא לא והא אין לו חלק לעוה"ב : הלוחש על המכה . ואומר כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך וגו': ברוקק בה . ברוקק ואח"כ לוחש : שאין מזכירין שם שמים וכו' והכא קאמר כי אני ה' רופאך : קדושת עולם . שאין אחריה היתר במות :

(דף טז ע"ב) **ה תניא** כתוב אחד אומר (במדבר ס) את משכן ה' טמא וכתוב אחד אומר (שם) כי את מקדש ה' טמא כו' ר' אלעזר אומר אם נאמר משכן למה נאמר מקדש אם נאמר מקדש למה נאמר משכן אם נאמר משכן הייתי אומר על משכן יהא חייב שנמשח בשמן המשחה אבל על מקדש לא יהא חייב לכך נאמר מקדש ואם נאמר מקדש הייתי אומר על מקדש יהא חייב שקדושתו קדושת עולם אבל

---

עליון זאגט מען ביז כי אתה יי מחסי . דער נאך זאגט מען דעם קאפיטול מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו ביז ליי הישועה על עמך ברכתך סלה . רבי יהושע בן לוי ווען ער פלעגט גיין שלאפען האט ער זאגען די פסוקים יושב בסתר עליון ביז ער איז אנשלאפען געווארען . פרעגט די גמרא פאר וואס האט רבי יהושע בן לוי אזוי געטאהן . ער האט זיך פאר שלעפערט מיט די פסוקים . רבי יהושע בן לוי האט דאך געזאגט מען טאר זיך ניט היילען מיט דער תורה . ענטפערט די גמרא רבי יהושע בן לוי האט ניט געזאגט די פסוקים ער זאל קענען אנשלאפען ווערין . ער האט געזאגט די פסוקים זייא זאלען אויף איהם בשיצען פון שדים . אונ דאס מעג מען . ווען דען האט רבי יהושע בן לוי געזאגט אז מען טאר זיך ניט היילען מיט פסוקים . אז ער האט אמכה . פרעגט די גמרא אויב ער האט אמכה אונ ער היילט זיך מיט פסוקים זאגסטו מען טאר ניט . איז דען נאר מען טאר ניט . מיר האבען דאך געלערנט אז איינער זאגט פסוקים אויף אמכה האט ער ניט קיין עולם הבא . ענטפערט די גמרא מיר האבען דאך געלערנט רבי יוחנן האט געזאגט אז ער שפייט אויס ביי די פסוקים זאגן האט ער ניט קיין עולם הבא . ווייל מען טאר ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט אויף דעם אויס שפייען . אבער אז מען זאגט נאר די פסוקים אויף די מכה אונ מען שפייט ניט אויס . פארלירט מען ניט עולם הבא . נאר מען טאר ניט ;

**ה** תניא . מיר האבען געלערנט אין איין פסוק שטייט ער האט מטמא געוועזן דעם משכן פון גאט . אונ אין אנדערין פסוק שטייט ער הט מטמא געוועזן דעם מקדש פון גאט . רבי אלעזר זאגט אז אין ערשטין פסוק שטייט משכן . פאר וואס שטייט אין אנדערין פסוק מקדש . אונ אז אין אנדערין פסוק שטייט מקדש . פאר וואס שטייט אין ערשטין פסוק משכן . לאז שטיין אין ביידע פסוקים משכן אדער אין ביידע פסוקים מקדש . אז אין ביידע פסוקים וואלט געשטאנען משכן . וואלט איך זאגן אז איינער איז טמא אונ גייט אריין אין משכן איז ער חייב . ווייל דער משכן איז געזאלבט געווארן מיט די שמן המשחה . אבער אז אטמא גייט אריין אין מקדש איז ער ניט חייב . ווייל דער מקדש איז ניט געזאלבט געווארן מיט שמן המשחה . דריבער שטייט אין פסוק מקדש . צו זאגן אז אטמא גייט אריין אין מקדש איז ער אויך חייב . אונ אז אין ביידע פסוקים וואלט געשטאנען מקדש . וואלט איך זאגן אז איינער איז טמא אונ גייט אריין אין מקדש . איז ער חייב . ווייל די היילינקייט פון מקדש איז אויף אייביג . אבער אז אטמא גייט אריין אין משכן איז ער ניט חייב . ווייל די היילינקייט פון משכן איז דאך ניט געוועזן אויף

אייביג

אבל על משכן לא יהא חייב לכך נאמר משכן ולכך נאמר מקדש:

(דף יח ע"ב) ו ת"ר (ויקרא טו) והזרתם את בני ישראל מטמאתם א"ר יאשיה מכאן אזהרה לבני ישראל שיפרשו מנשותיהם סמוך לוסתן וכמה אמר רבה עונה אחת. אמר ר' יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי כל שאינו פורש מאשתו סמוך לוסתה אפילו הויין לו בנים כבני אהרן מתים דכתיב והזרתם את בני ישראל מטמאתם והדוה בנדתה וסמיך ליה (שם טז) אחרי מות שני בני אהרן א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל הפורש מאשתו סמוך לוסתה הויין לו בנים זכרים דכתיב (שם יא) להבדיל בין הטמא ובין הטהור וסמיך ליה (שם יב) אשה כי תזריע וילדה זכר ר' יהושע בן לוי אמר הויין לו בנים ראויין להוראה דכתיב

והזרתם. ופרשתם כמו וינזרו: אזהרה לישראל וכו'. דסמיך ליה והדוה בנדתה בההיא עונה: עונה. כמס' נדה בפרק המראה מפרש או יום או לילה אם ראתה ביום יפרוש כל היום ואם ראתה בלילה יפרוש כל הלילה: ולהבדיל וגו'. המבדיל בין טומאה לטהרה הגד אשתו זכר:

---

איבינ. דריבער שטייט אין איין פסוק משכן אונ אין אנדערין פסוק שטייט מקדש. צו זאגן אז דער משכן אונ דער מקדש זענען ביידע גלייך:

ו תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איר זאלט אפ שיידן די יודין פון זייער טומאה. רבי יאשיה זאגט פון דאגען זענען די יודין גיבאטען גיווארן זייא זאלן זיך אפ שיידען פון זייערע ווייבער איידער עס קומט זייער צייט צו זעהן נדה. וויא פיל שעה פריער זאלן זייא זיך אפ שיידן. רבה זאגט דעם העלפטיגען האלבען מעת לעת. אויב זיא איז גיוואוהנט צו זעהן נדה ביי נאכט. זאל דער מאן זיך אפ שיידן פון איר באלד פון אנהייב טאג. רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער מאן וואס שיידט זיך ניט אפ פון זיין ווייב נאך איידער זיא זעהט נדה. אפילו ער האט קינדער אזוי וויא די קינדער פון אהרן זענען גיוועזן וועלין זייא אויך שטארבען. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט אפ שיידן די יודין פון זייער טומאה. פון וועלכע טומאה. והדוה בנדתה. פון די דם נדות וואס אשה זעהט. נעבין דעם פסוק שטייט. דער נאך וויא די צוויי קינדער פון אהרן זענען גישטארבן. צו ווייזען אז מען איז ניט אפ גשיידט פון אנדה. אפילו ער האט קינדער וואס זענען אזוי פרום וויא די קינדער פון אהרן זענען גיוועזן שטארבן זיי אויך. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגן דער מאן וואס שיידט זיך אפ פון זיין ווייב איידער עס קומט די צייט אירע צו זעהן דם נדה. וועט ער זוכה זיין צו האבען קינדער זכרים. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט אפ שיידן צווישען טמא אונ טהור. אונ נעבין דעם שטייט אשה כי תזריע וילדה זכר. צו זאגן אז דער וואס שיידט זיך אפ פון זיין ווייב ווען זיא איז נאך טהור. וועט זיין ווייב האבן אזכר. רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס שיידט זיך אפ פון זיין ווייב איידער עס קומט די צייט אירע צו זעהן דם נדה. וועט ער האבען זיהן וואס וועלין קענען זיין מורה הוראות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק להבדיל ולהורות. אפ צו שיידען אונ צו פסקנן. דער וואס וועט זיין אפ גישיידט פון טומאת נדה. וועט ער האבען זיהן וואס וועלין פסקנן שאלות. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער וואס מאכט הבדלה מוצאי שבת אויף וויין. וועט ער האבען קינדער זכרים. ווארום עס שטייט אין פסוק יין ושכר אל תשת דער נאך שטייט להבדיל בין הקדש ובין החול. מיינט אזוי דער פסוק איר זאלט ניט טרינקען קיין וויין. נאר ווען זאלט איר יא וויין טרינקען. אז איר וועט מאכען הבדלה צווישען קדש אונ חול. פון שבת צום וואך. אונ עס שטייט אין פסוק להבדיל בין הטמא ובין הטהור נעבין דעם שטייט אין פסוק אשה כי תזריע וילדה זכר. זאגט אונז רבי יוחנן אזוי וויא להבדיל בין הטמא ובין הטהור ואז ער מאכט אפשיידונג ווען זיין ווייב איז טמא אונ ווען זיא איז טהור איז ער זוכה זיין ווייב זאל האבען זכרים. אזוי להבדיל בין הקדש ובין החול. אז ער מאכט הבדלה אויף וויין פון שבת צו וואך. איז ער אויך זוכה זיין ווייב זאל האבען זכרים. רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס

מאכט

דכתיב (שם י) להבדיל ולהורות . א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל המבדיל על היין במוצאי שבתות הויין לו בנים זכרים דכתיב (שם) להבדיל בין הקדש ובין החול וכתיב התם (שם יא) להבדיל בין הטמא ובין הטהור וסמיך ליה (שם יב) אשה כי תזריע וילדה זכר ר' יהושע בן לוי אמר בנים ראויין להוראה דכתיב להבדיל ולהורות . אמר רבי בנימין בר יפת א"ר אלעזר כל המקדש את עצמו בשעת תשמיש הויין לו בנים זכרים שנאמר (שם יא) והתקדשתם והייתם קדושים וסמיך ליה אשה כי תזריע :

להבדיל ולהורות . בעמלא דההוי יין כתיב ולהבדיל בין הקדש ובין החול ובין הטמא וגו' ולהורות את בני ישראל : המקדש ע"מו בתשמיש . דרך צניעות :

מצוה לבעלי דינין שיעמדו . (בעמידה) דהא קרא נמי בבעלי דינין איירי דכתיב אשר להם הריב : שלא יהא אחד עומד ואחד יושב . שלא יראה חבירו שמכבדין אותו יותר ויסתתמו דבריו :

## שבועות שתים פרק שלישי

(דף כ ע"ב) **א תניא** (שמות כ) זכור (דברים ה) ושמור בדבור אחד נאמרו מה שאין הפה יכול לדבר ומה שאין אוזן יכולה לשמוע :

## שבועת העדות פרק רביעי

(דף ל) **א ת"ר** (דברים יט) ועמדו שני האנשים מצוה לבעלי דינין שיעמדו א"ר יהודה שמעתי שאם רצו להושיב את שניהם מושיבין איזהו אסור שלא יהא אחד עומד ואחד יושב אחד מדבר כל צרכו ואחד אומר לו קצר דבריך :

**ב ת"ר** (ויקרא יט) בצדק תשפוט עמיתך שלא יהא אחד יושב ואחד עומד אחד מדבר כל צרכו

---

מאכט הבדלה אויף וויין איז ער זוכה צו האבען קינדער מורה הוראות . ווארום עס שטייט אין פסוק להבדיל ולהורות . דער וואס מאכט הבדלה אויף וויין וועלין זיינע קינדער קענען פסקנען שאלות . רבי בנימין בר יפת האט גיזאגט פון רבי אלעזרס וועגין דער מענטש וואס איז משמש המטה מיט פרומקייט וועט ער זוכה זיין צו האבען קינדער זכרים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והתקדשתם והייתם קדושים נעבין דעם פסוק שטייט אשה כי תזריע וילדה זכר . אז איר וועט אייך היילינגען אונ איר וועט זיין היילינ ביי דער צייט ווען אייערע ווייבער וועלין מעוברת ווערין . וועלין די ווייבער גיבארין זכרים :

## פרק שלישי

**א** תניא . מיר האבען גילערנט דעם ווארט זכור אונ דעם ווארט שמור האט גאט ארויס גירעט מיט איין מאהל אזוי וויא איין ווארט . דיא מויל פון א מענטשין קען אזוי ניט רידען . אונ דער אויער פון א מענטשין קען אזוי ניט הערין :

## פרק רביעי

**א** תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק דיא צוויא מענטשין זאלען שטיין . עס איז א מצוה אז די צוויא מענטשין וואס קומען צו א דין תורה זאלען שטיין . רבי יהודה זאגט איך האב גיהערט אז בית דין ווילען דיא ביידע מענטשין זאלין זיצען מעגין זיא זיצען . וואס דען טאר מען ניט איינער זאל שטיין אונ איינער זאל זיצען . איינעם לאזט מען רידין ביידע וויא פיל ער וויל . אונ צו איינעם זאגט ער קירץ אפ דיינע רייד אונ רייד ניט אזוי פיל . דאס טאר מען ניט :

**ב** תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק מיט גירעכטיגקייט זאלסטו משפטין דיין חבר . אז צוויא מענטשין קומען צו דיר א דין תורה האבין זאלסטו נישט לאזען

צרכו ואחד אומר לו קצר דבריך ד"א בצדק תשפוט עמיתך הוי דן את הב"ך לכף זכות תני רב יוסף בצדק תשפוט עם שאתך בתורה ומצות השתדל לדונו יפה:
ג רב עולא בריה דרב עילאי הו"ל דינא קמיה דרב נחמן שלח ליה רב יוסף עולא חברנו עמית בתורה ובמצות אמר מאי שלח לי להנופי ליה הדר אמר למישרי בתיגרא (סס ע"ב) אי נמי לשודא דדייני אמר עולא מחלוקת בבעלי דינין אבל בעדים דברי הכל בעמידה דכתיב (דברים יט) ועמדו שני האנשים אמר רב הונא מחלוקת בשעת משא ומתן אבל בשעת גמר דין דברי הכל דיינין בישיבה ובעלי דינין בעמידה דכתיב (שמות יח) וישב משה לשפוט את העם ויעמוד העם:

הוי דן את חברך לכף זכות. לא בדין בעלי דינין הכתוב מדבר אלא ברואה חברו עושה דבר שאתה יכול להכריעו לצד עבירה ולצד זכות הכריעו לצד זכות ואל תחשדהו בעבירה: השתדל לדונו יפה. לא מן מפרש לה למשרי בתגרא אם באו ב' דינים לפניך ואחד מהם של ת"ח הוי פוסק אותו תחלה ופטור את זה מלפניך:
מאי שלח לי. מה מילתא: להנופי ליה. שמא להכניסו בחמיה: למישרי בתיגרא. כדפרישית אם בא דין אחר לפני תפסוק את זה תחלה: א"נ לשודא דדייני. יש דין שאין הלוי בראיה עדים ולא בשבועה אלא כמה שלב הדיינים נוטה לזכות או לחייב כגון הך דכתובות דהוא דאמר ליה נכסי לטוביה אתו שני טוביה ואמרינן התם שודא דדייני למי שהדיין רואה שהוא ראוי לתת לו מתנה כו' אף כאן שלח לי אם הדין הלוי בשודא דדייני זה ראוי לזכותו שחכם וצדיק הוא. שודא ל' השלכה כדמתרגמינן ירה בים שדי בימא:

דביהו

---

צו איינעם ער זאל זיצען אונ דער אנדערער זאל שטיין. אדער איינעם וועסטו לאזען ריידען וויא פיל ער וויל אונ צום אנדערען וועסטו זאגין קירץ אפ דייניע רייד אונ רייד ניט אזוי פיל. דאס טאר מען ניט. אנדערע זאגין דער פסוק שמועסט ניט פון אדיין נאר אז א מענטש זעהט זיין חבר האט גיטאהן אזוי אזאך וואס מען קען דאס אן נעמען פאר אעבירה אונ מען קען דם זעלביגע אן נעמען ניט פאר אעבירה. זאלסטו משפטין דיין חבר מיט גירעכטיגקייט אונ זאלסט אן נעמען אז ער האט ניט גימיינט צו טאהן אעבירה. רב יוסף האט גילערונט עם שטייט אין פסוק בצדק תשפוט את עמיתך. מיט גירעכטיגקייט זאלסטו משפטין עמיתך. דער ווארט עמיתך איז פיר ווערטער עם שאתך בתורה ובמצות. דאס פאלק וואס איז מיט דיר גלייך אין תורה אונ אין מצות זאלסט דוא זעהן זיך מטריח זיין אונ איהם גוט צו משפטין:

ג רב עולא דער זוהן פון רב עילאי האט גיהאט אדין תורה פאר רב נחמן. האט רב יוסף געשיקט צו רב נחמן אונזער חבר עולא איז אונזערער אחבר אין תורה אונ אין מצות. האט רב נחמן גיקלערט צוא וואס האט רב יוסף צו מיר געשיקט דיא ווערטער איך זאל חניפן עולאן. דאס קען דאך ניט זיין. רב יוסף ווייסט אז מען טאר ניט חניפן. דער נאך האט רב נחמן גיזאגט געווים האט רב יוסף גימיינט טאמער וועט זיין פאר מיר עטליכע דין תורות זאל איך ניט לאזען עולא זאל ווארטען. נאר זיין דין תורה זאל איך פסקנן פריער וויא אלע. אדער אזוי האט רב יוסף גימיינט אויב דיא דין תורה פון עולא איז אקלערונג פון דיינים. די דיינים מעגען דיא זאך געבין צו וועמען זייא ווילען. זאל איך וויסען אז עולא איז אלמדן אונ איך זאל בעסער געבין צו עולא וויא צום דעם אנדערען. עולא זאגט ווען קריגט מען צו מען מוז שטיין צו מען מעג זיצען. דאס איז נאר ביא דיא מענטשין וואס האבין דיא דין תורה. אבער ביא דיא עדות קריגט קיינער נישט נאר אלע האלטין אז דיא עדות מוזען שטיין. ווארום עם שטייט אין פסוק דיא צווייא מענטשין זאלען שטיין. אונ דער פסוק מיינט דיא עדות. רב הונא זאגט ווען קריגט מען אויף דיא מענטשין וואס האבין דיא דין תורה אויב זיי מוזען שטיין אדער זייא מעגען זיצען. דאס איז נאר ווען דיא דיינים קלערען דעם דין. אבער ווען דיא דיינים זאגין דעם פסק דין. האלטען אלע אז דיא דיינים מוזען זיצען אונ דיא מענטשין וואס האבען די דין תורה מוזען שטיין. ווארום עם שטייט אין פסוק משה איז גיזעסין צו משפטין דעם פאלק אונ דאס פאלק איז גישטאנען:

דביתהו

ד דביתהו דרב הונא הוה לה דינא קמיה דרב נחמן אמר היכי אעביד אי איקום מקמה מסתתמן טענתיה דבעל דינה לא איקום מקמה אשת חבר הרי היא כחבר א"ל לשמעיה צא ואפרה עלי בר אווזא ושדי עילואי ואקום:

ה אמר רבה בר רב הונא האי צורבא מרבנן וע"ה דאית להו דינא בהדי הדדי מותבינן ליה לצורבא מרבנן ולע"ה נמי אמרינן ליה תיב ואי קאי לית לן בה רב בר שרביא ה"ל דינא קמיה דרב פפא אותביה ואותיב נמי לבעל דיניה אתא שליחא דבי דינא בטש ביה ואוקמיה לע"ה ולא א"ל רב פפא תיב היכי עב"ד הכי והא מסתתמן טענתיה אמר רב פפא מימר אמר איהו הא אותבן שליחא דלא מפייס מינאי. ואמר רבה בר רב הונא האי צורבא מרבנן וע"ה דאית להו דינא בהדי הדדי לא ליקדים צורבא מרבנן וליתיב משום דמיחזי כמאן דמסדר ליה לדיניה ולא אמרן אלא דלא קביע ליה עידניה

דביתהו דרב הונא. אשתו של רב הונא: אפרה עלי בר אווזא. ואעמוד ולא יבין זה שבשבילו עמדתי אלא מפני האווז כסבורה ובא עלי: בטש. בעט: דלא מפייס מינאי. לא פשיטי לי טובה ואינו אוהבי: לא ליקדים וליתיב. לפני הדיין קודם שיבא בעל דינו ואפילו יושב ושותק: דמיחזי כמאן דמסדר ליה טענתיה וגורם שיתבדו כמטעים דבריו לדיין ועובר בלא תשא שמע שוא

---

ד דביתהו. דיא ווייב פון רב הונא האט גיהאט אדין תורה פאר רב נחמן. האט רב נחמן גזאגט וויא זאל איך טאהן. אויב איך זאל מיך אויף שטעלין פאר איר. אז דער מענטש וואס האט מיט איר דיא דין תורה וועט זעהן אז איך גיב איר כבוד: וועלין פר מאכט ווערין זיינע רייד. ער וועט שוין גאר ניט וועלן טענן. ווארום ער וועט טראכטען מיינע רייד וועט שוין דא גאר ניט העלפין. געוויס וועט מען איר גלייבען אונ מען וועט פסקנן אז זיא איז גירעכט. זאל איך נישט אויף שטיין פאר איר. דיא ווייב פון אלמדן דארף מען געבין כבוד אזו ווי איר מאן דעם למדן. אזוי וויא אז רב הונא וואלט דא גיקומען וואלט איך מיך גימוזט אויף שטעלין פאר אים. אזוי מוז איך מיך אויף שטעלין פאר זיין ווייב אויך. האט רב נחמן גזאגט צוא זיין בדינמטען. אז רב הונאס ווייב וועט אריין קומען זאלסטו מאכען אז א קאטשקע זאל אויף מיר ארויף פליהען. וועל איך מיך שטעלין איך זאל איר פון מיר אראפ טרייבען. אונ אין אמת וועל איך מיך ניט שטעלין וועגין דיא קאטשקע. איך וועל מיך שטעלין פאר די ווייב פון רב הונא נאר דער אנדערער וועט מיינען אז איך האב מיך גישטעלט וועגין די קאטשקע:

ה אמר. רבה בר רב הונא האט גזאגט אז אלמדן האט אדין תורה מיט אעם הארץ. זעצט מען דעם למדן אויף א שטוהל: אונ צום עם הארץ זאגט מען זיץ. אונ אויב ער וויל ניט זיצען נאר ער שטייט. זאל ער שטיין. הארט מיך ניט. רב בר שרביא האט גיהאט אדין תורה מיט אעם הארץ פאר רב פפא. האט רב פפא גזאגט צו רב ער זאל זיצען אונ ער האט גזאגט צום עם הארץ אויך ער זאל זיצען. זענען ביידע גיזעסן. איז גיקומען דער שמש פון בית דין אונ האט אשטויס גיגעבן דעם עם הארץ אונ האט איהם גיהייסען אויף שטיין. איז דער עם הארץ גישטאנען. אונ רב פפא האט שוין נישט מער גזאגט צום עם הארץ ער זאל זיצען. פרעגט די גמרא פאר וואס האט רב פפא אזוי גיטאהן. אונ ער האט גילאזט דער עם הארץ זאל שטיין. עס וועט דאך פאר מאכט ווערין זיינע רייד. ווייל ער וועט זעהן דער למדן זיצט אונ ער מוז שטיין. וועט ער טראכטען איך האב שוין גאר נישט וואס צו טענן. געוויס וועט מען אלץ גלייבען דעם למדן אונ נישט מיר. ענפערט דיא גמרא רב פפא האט גיטראכט דער עם הארץ וועט זאגן ביי רב פפא בין איך גלייך מיט דעם למדן. ווארום ער האט מיך גיהייסען זיצען אזו גלייך וויא ער האט גיהייסען דעם למדן זיצען. דער שמש איז מיר נישט קיין גוטער פריינד ווייל איך האב איהם גאר נישט גיגעבן. אונ וואס גיהער דער שמש צו דער דין תורה. נאך האט רבה בר רב הונא גזאגט אז אלמדן מיט אעם הארץ האבען אדין תורה. זאל נישט דער למדן קומען צו בית דין פריער פאר דעם עם הארץ אונ זיצען דארט ביי בית דין. ווארום דער עם הארץ וועט

איהם

עידניה אבל אי קביע ליה עידניה לית לן בה מיסר אמר בעידניה טריד :

ו **ואמר** רבה בר רב הונא האי צורבא מרבנן דידע בסהדותא וזילא ביה מילתא למיזל לבי דיינא דזוטר מיניה לאסהודי קמיה לא ליזל אמר רב ששת בריה דרב אידי אף אנן נמי תנינא מצא שק או קופה ואין דרכו ליטול הרי זה לא יטול וה"מ בממונא אבל באיסורא (משלי כא) אין חכמה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה' כל מקום שיש בו חלול ה' אין חולקין כבוד לרב . רב יימר הוה ידע ליה סהדותא למר זוטרא אתא לקמיה דאמימר אותבינהו לכלהו א"ל רב אשי לאמימר והאמר עולא מחלוקת בבעלי דינין אבל בעדים דברי הכל בעמידה א"ל האי עשה והאי עשה דכבוד תורה עדיף :

ז **ת"ר** מנין לדיין שלא יעשה סניגרון לדבריו ת"ל (שמות כג) מדבר שקר תרחק ומנין לדיין שלא

כדלקמן : קביע ליה עידניה . שהדיין רבו ויש לו קביעות ללמוד :

שאין דרכו ליטול . אם היה שלו : ה"ז לא יטול אין מוזהר עליו אלא הוכל להתעלם שנאמר והתעלמת פעמים שאתה מתעלם : אבל באיסורא . כגון אשה כהלה לפני ה"ס נהתירה לינשא והתלמיד זה יודע שבעלה חי אין הכמה תבונה לנגד ה' : כלי עשה . ועמדו : והאי עשה . את ה' אלהיך תירא לרבות ת"ח :

לא יעשה סניגרון לדבריו. אם דן ולבו מקפו לומר שהוא טועה לא יחזיק דבריו להביא ראיות לטעמיה שהוא בוש לחזור אלא לכל לדין יחזור

---

איהם חושד זיין אז ער האט שוין זיינע אלע טענות געזאגט פאר בית דין זייא זאלן וויסען ווי אזוי איהם גירעכט צו מאכען . דאס איז נאר אז דער למדן איז ניט א תלמיד פון דעם דיין . אבער אז דער למדן איז א תלמיד פון דעם דיין . וועט איהם דער עם הארץ ניט חושד זיין . דער עם הארץ וועט זאגען ער איז געקומען פריער פאר מיר ווייל ער דארף לערנען ביי דעם דיין:

ו **ואמר** . נאך האט רבה בר רב הונא גיזאגט אלמדן וואס וויים צו זאגין עדות . און עס איז ניט שיין פאר איהם ער זאל גיין צו אזעלכע דיינים וואס קענען ווייניגער לערנען פון איהם און ער זאל פאר זייא עדות זאגין . זאל ער נישט גיין . רב ששת בריה דרב אידי האט גיזאגט מיר האבין אויך אזוי גילערנט . אז איינער האט געפונען אזאק אדער אקארב (אקויבער) און עס איז ניט שיין פאר איהם ער זאל דאס אויף הייבין , זאל ער ניט אויף הייבין . דאס איז נאר אז דיא עדות זאגין איז אויף געלט זאכען . אבער אז ער וויים צו זאגין עדות אפ צו שיידין פון אאיסור ולמשל איין אשה זאגט איהר מאן איז גישטארבען און בית דין ווילען איהר מתיר זיין צו נעמען אמאן . און דער למדן וויים עדות צו זאגין אז איהר מאן לעבט) . אויף דעם האט שלמה המלך גיזאגט עס איז נישטא קיין חכמה און עס איז נישטא קיין פארשטאנדיגקייט און עס איז נישטא קיין עצה געגין גאט . ווא עס איז דא אחילול השם ועס קען גיטאהן ווערין איין עבירה) . גיט מען נישט קיין כבוד אפילו צום גרעסטען למדן . רב יימר האט געוואוסט עדות צו זאגין פאר מר זוטרא . איז ער געקומען פאר אמימר צו זאגין וואס ער האט געוואוסט . האט אמימר גיהייסען אלע זאלען זיצען . האט רב אשי גיזאגט צו אמימר עולא האט דאך גיזאגט ווען קריגט רבי יהודה מיט דיא רבנן (אין סימן א) נאר ביא דיא מענטשין וואס האבען דיא דין תורה . אבער ביא די עדות האלטין אלע אז זייא מוזין שטיין . האט אמימר גיזאגט צו רב אשי וואס דיא עדות מוזין שטיין איז אמצות עשה (אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועמדו שני האנשים . דיא צווייא מענטשין וואס זאגין עדות זאלין שטיין) . און צוא געבין כבוד צו א תלמיד חכם איז אויך א מצות עשה . דיא מצות עשה פון דער תורה וצו געבין כבוד צו א תלמיד חכם איז בעסער פון דיא מצות עשה פון דיא עדות זאלין שטיין :

ז **תנו רבנן** . דיא רבנן האבין גילערנט אז אדיין האט גיפסקנט אדין און דאס הארץ זיינע קלאפט איהם אז ער האט גיהאט א טעות . פון וואנען ווייסין מיר אז ער זאל ניט זוכען פאלשע סברות גלייך צו מאכין זיין פסק דין . נאר ער זאל זיך ניט שעמען מודה צוא זיין אז ער האט שלעכט גיפסקנט שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק . דו זאלסט דיך דער ווייטערין פון א פאלשע זאך . און פון וואנען ווייסין מיר אז אדיין זאל ניט זעצין געבין זיך א תלמיד וואס איז

שלא ישב תלמיד בור לפניו ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לדיין שיודע בחברו שהוא גזלן וכן עד שיודע בחברו שהוא גזלן מנין שלא יצטרף עמו ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לדיין שיודע בדין שהוא מרומה שלא יאמר הואיל והעדים מעידים אחתכנו ויהא (דף נא) קולר תלוי בצואר העדים ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לתלמיד שיושב לפני רבו ורואה זכות לעני וחובה לעשיר שלא ישתוק ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לתלמיד שרואה את רבו שטועה בדין שלא יאמר אמתין לו עד שיגמרנו ואסתרנו ואבננו משלי כדי שיקרא הדין על שמו ת"ל מדבר שקר הרחק: מנין לתלמיד שא"ל רבו יודע אתה בי שאם נותנין לי מאה מנה איני מבדה מנה יש לי אצל פלוני ואין לי עליו אלא עד אחד מנין שלא יצטרף עמו ת"ל מדבר שקר תרחק האי מדבר שקר תירחק נפקא הא ודאי שקורי קא משקר ורחמנא אמר (שמות כ) לא תענה ברעך עד שקר אלא כגון דא"ל ודאי חד סהדי אית לי ותא את קום התם ולא תימא ולא מידי דהא לא מפקת מפומך שקרא אפילו הכי אסור משום שנאמר מדבר שקר תרחק. מנין לנושה בחברו מנה שלא

לכוליה דין לאמיתו: שלא ישיב תלמיד בור לפניו. ליכא וליהו נדון עמו שלא יטעה: שלא יצטרף עמו. ואע"פ שהעדות אמת: מדבר שקר. שגורם לפסוק דין ע"פ שנים עדים ואין כאן אלא עד אחד: שהוא מרומה. שלמד מתוך דברי עדים שאין עדותם אמת: קולר. שלשלת כעין: וכולה זכות. ורבו הלוך: אני מבדה. משקר: וקום התם. ביכא שנוי בעל דין באתם בא להעיד ויודה אמת: ואגלגל עליו שבועה.

---

אעם הארץ. ער זאל קלערין מיט אים אדין. שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק. דוא זאלסט דיך דער ווייטערין פון אפאלשע זאך. אונ ווייל דער תלמיד איז אעם הארץ. ער וויים ניט דיא דינים פון דער תורה. ער זאגט נאר דינים מיט זיין אייגנעם שכל וועט ער אראפ פירען דעם רבי זיינעם פון דיא דינים פון דער תורה ער זאל אויך פסקנן אוים ווייניגסטע דינים. אונ עם קען זיין זייא זענען פאלש. ניט ווי דיא תורה פסקנת. פון וואנען ווייסין מיר אז אדיין וויים אויף זיין חבר ודעם אנדערין דיין אז ער איז אגזלן. זאל ער ניט זיצען מיט איהם צו זאמען משפטין אדין. אדער אז אעדות וויים אויף זיין חבר וואס ער איז אויך אעדות אויף דער זאך אז ער איז אגזלן. זאל ער ניט זאגין עדות מיט אים צו זאמען. שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק פון אפאלשע זאך. אדער פון אפאלשין מענטשין זאלסטו דיך דער ווייטערין. אויב אדיין וויים אויף אדין אז ער איז פאלש. פון וואנען ווייסין מיר אז דער דיין טאר ניט זאגין ווייל דיא עדות זאגין אז עס איז אמת וועל איך פסקנן דעם דין נאך דיא רייד פון עדות אונ דיא קיים פון דיא עבירה וועט אייגנען אויף דעם האלדז פון דיא עדות. שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק. פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין: אויב עס איז געקומען אדין תורה פאר אריין אורייכער מיט אארעם מאן אונ אתלמיד זיצט פאר זיין רבי אונ ער זעהט אז דער ארעם מאן איז גירעכט אונ דער רייכער איז אומגירעכט. אונ דער רבי האט גיפסקת פאר קערט אז דער רייכער איז גירעכט אונ דער ארעמער איז אומגירעכט. פון וואנען ווייסען מיר אז דער תלמיד זאל ניט שווייגען. שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערן. אויב אתלמיד זעהט זיין רבי האט אטעות אין אדין. פון וואנען ווייסען מיר אז דער תלמיד טאר ניט זאגן איך וועל ווארטען ביז דער רבי וועט אפ פסקנן דעם גאנצן דין. דער נאך וועל איך ווייזן דעם טעות. וועט מען צו ווארפען נצו רייסען דעם פסק דין. אונ מען וועט איהם אויף דאס נייע פסקנן וויא איך זאג. וועט דער דין גירופען ווערין אויף מיין נאמען: איך האב איהם גיפסקת. שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו זיך דער ווייטערין. דו זאלסט ניט לאזין עס זאל פאלש גיפסקת ווערין. אויב ארבי זאגט צו זיין תלמיד דוא ווייסט דאך אז אפילו מען וועט מיר געבין הונדערט מאהל הונדערט גילדין וועל איך אויך ניט זאגן קיין ליגען. זאג איך דיר אז מיר קומט פון יענעם מענטש הונדערט גילדין. אונ דוא ווייסט דאך געוויס אז דאס איז אמת. איך האב אבער אויף דעם נאר איין עדות. זיי דו נאך איין עדות. וועל איך האבען צוויי עדות. וועט מיר יענער מוזין בצאהלען

שלא יאמר אטענו במאתים כדי שיודה לי במנה ויתחייב לי שבועה ואגלגל עליו שבועה ממקום אחר ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לנושה בחברו מנה וטענו מאתים שלא יאמר אכפרנו בב"ד ואודה לו חוץ לבית דין כדי שלא אתחייב לו שבועה ולא יגלגל עלי שבועה ממקום אחר ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לשלשה שנושין מנה באחד שלא יהא אחד בעל דין ושנים עדים כדי שיוציאו מנה ויחלקום ת"ל מדבר שקר

שאינו מודה לו במקצת ולהשביעו ע"י גלגול או שבועת קרקעות שאין נשבעים עליהם אלא ע"י גלגול: שלא יהא אחד בעל דין ושנים עדים. וכשהם בעלי דין: ולבוש כמותו. שלא הגרוע לא יהא לך פנים או יסתתמו דברי שכנגדך מפני שבזותך ויאמר איך ילמדוני בית דין על אדם חשוב כזה: מדבר שקר תרחק. וכיון שאינו ריגו מסותם מעמיד זה את שקרו: פוזמק. כמין

בצאהלען דאס געלט. פון וואנען ווייסען מיר אז דער תלמיד טאר ניט זיין קיין עדות מיט יענעם עדות צו זאגן אז עס קומט זיין רבי פון יענעם מענטש הונדערט גילדין. שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין. פרעגט דיא גמרא דאס דארף איך אפ לערנען פון דעם פסוק דוא זאלסט דיך ווייטערין פון אפאלשע זאך. דאס אליין איז דאך אפאלשע זאך. אונ דיא תורה האט דאך גזאגט דוא זאלסט נישט זאגן אויף דיין חבר פאלשע עדות. נאר אזוי מיינט מען דער רבי האט גזאגט צו זיין תלמיד איך האב איין עדות אז מיר קומט הונדערט גילדין ביי אמענטשין. קום דוא אויך אונ ועסט שטיין ביי בית דין אונ דוא וועסט גאר ניט זאגן ווארום דוא וועסט דאך ניט זאגן אליגען. נאר דער וואס איך מאן ביא איהם אז ער וועט זעהן עס קומען צוויי מענטשין. וועט ער מיינען אז דוא ביסט אויך אעדות. איז דא צוויי עדות. וועט ער זיך דער שרעקין אונ וועט מודה זיין. אזוי טאר מען אויך ניט. וייל עס שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין. אז איינער מאנט ביי זיין חבר הונדערט גילדין. אונ ער טראכט ביי זיך איך וועל אים מאנען צוויי הונדערט גילדין. וועט ער דאך מיר מודה זיין אויף הונדערט גילדין. וועט בית דין איהם הייסען שווערין אויף דיא אנדערע הונדערט גילדין אז זייא קומען מיר ניט. אונ ער וועט שוין האלטען ביא שווערין וועל איך אויף איהם ארויף ווארפען נאך שבועות פון אזעלכע זאכען וואס איצט קען איך איהם אויף זייא ניט געבין קיין שבועות ווארום דער דין איז אז איינער מאנט ביא זיין חבר געלט וואס ער קען איהם אויף זייא ניט געבין אשבועה. אויב ער מאנט נאך ערליי געלט וואס זיין חבר דארף יא שווערין אויף זייא. ווארפט ער שוין אויף איהם ארויף יענע שבועות אויך. דאס הייסט גלגול שבועה: דאס איז נאר אז דער אמת איז ער דארף שווערין. קען מען אויף איהם ארויף ווארפען נאך שבועות אויך: אבער צו ברייינגען זיין חבר צו אשבועה דורך אפאלש. טאר מען ניט. ווארום עס שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין. אונ אז איינעם קומט ביי זיין חבר הונדערט גילדין ולמשל ראובן איז שולדיג הונדערט גילדין צו שמעון. האט שמעון איהם גימאנט צווייא הונדערט גילדין. פון וואנען ווייסען מיר אז ראובן טאר ניט זאגן איך וועל ביי בית דין לייקענען דאס גאנצע געלט. וועל איך ניט דארפן שווערין. וועט שמעון ניט קענען ארויף ווארפען אויף מיר אנדערע שבועות. אונ אז מיר וועלין ארויס גיין פון בית דין וועל איך איהם מודה זיין אז איהם קומט הונדערט גילדין. שטייט אין פסוק דוא זאלסט דיך דער ווייטערין פון אפאלשע זאך. אויב דריי מענטשין למשל ראובן שמעון לוי מאנען הונדערט גילדין ביי איינעם וביי יהודה. אונ זייא האבען נישט קיין עדות אז זייא קומט ביי יהודה הונדערט גילדין. ווילען זייא אזוי טאהן. ראובן וועט מאנען ביי יהודה דיא הונדערט גילדין. אונ שמעון מיט לוי וועלין זיין עדות. אונ אז ראובן וועט אפ נעמען דיא הונדערט גילדין וועלין זייא זיך אלע דריי צו טיילען. פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט אזוי טאהן: שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין. אויב צוויי מענטשין קומען צו בית דין האבען אדין תורה. איינער גייט אין צעריסענע

שקר תרחק . מנין לשנים שבאו לדין אחד לבוש סמרטוטין וארד לבוש איצטלית בת מאה מנה שאומרים לו לבוש כמותו או הלבישהו כמותך ת"ל מדבר שקר תרחק . כי הוו אתו לקמיה דרבה בר רב הונא אמר להו שליפו פוזמקייכו וחותו לדינא . מנין לדיין שלא ישמע דברי בעל דין קודם שיבא בעל דין חברו ת"ל מדבר שקר תרחק . מנין לבעל דין שלא יטעים דבריו לדיין קודם שיבא בעל דין חברו ת"ל מדבר שקר תרחק . רב כהנא מתני מלא תשא לא תשיא . (יחזקאל יח) ואשר לא טוב עשה בתוך עמיו רב אמר זה

אנפילאות השוים קלצו"ש בלע"ז : לא תשא. אזהרה למקבל קרי ביה לא תשיא אזהרה לבעל דין : שמע שוא . שמטעים דבריו שלא בפני בעל דינו אינו בוה מדבר שקר : אשר לא טוב עשה . פסוק זה בספר יחזקאל : זה הבא בהרשאה . ומתעבר על ריב לא לו ושמא הראשון נוח לו וזה לפשרה

---

קליידער און איינער גייט אין זיידענע קליידער וואס זייא זענען ווערט הונדערט מאהל הונדערט גילדין ; פון וואנען ווייסען מיר אז מען זאגט צו דעם רייכען אדער טוה דיך אויך אן אין צעריסענע קליידער וויא דער ארעמער גייט . אדער טוה אן דעם ארעמען אזעלכע זיידענע קליידער וויא דו גייסט . וועלין מיר אייך קענען פסקנען דיא דין תורה . שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק . בית דין זאלן זיך דער ווייטערין פון אפאלשע זאך . און דא קען זיין אפאלשע דין תורה . אדער דורך בית דין אדער דורך די צוויי מענטשין וואס זענען גיקומען האבען אדין תורה . דורך בית דין קען זיין אפאלשקייט . אדער זייא וועלין גירעכט מאכען דעם רייכען . וייל זייא וועלין זאגן וויא אזוי קען זיין אזוי אריכער מענטש זאל וועלין גזלנן אזוי אארעם מאן . גיוויס זאגט דער רייכער אמת ; אדער זייא וועלין רחמנות האבען אויף דעם ארעמען און זייא וועלין זאגן . וויא אזוי וועט מען קענען זעהן דעם צער פון דעם ארעם מאן . ער זאל דורך אונז פאר לירען זיינע עטליכע גילדין וואס ער מאנט ביי דעם רייכען . פון וואנען וועט ער לעבין מיט זיין וייב און קינדער . וועלין מיר בעסער זאגן אז דער ארעם מאן איז גירעכט און דער רייכער זאל איהם בצאהלען . אדער בית דין וועט ריכטיג פסקנן נאך זייערע טענות . נאר דער ארעם מאן אליין וועט ביי זיך טראכטען וועט דען בית דין מיר גלויבען וואס איך וועל זאגן . גיוויס וועט בית דין גלויבען דעם רייכען . זענען דאך מיינע רייד איבעריג . וועט דער ארעם מאן גאר שווייגן און ער וועט לאזין דעם רייכען טענען וואס ער וועט וועלין . וועט דער רייכער זאגן ליגען . און בית דין וועט פסקנן נאך זייערע רייד . וועט דאך זיין פאלש גיפסקנת אז אריכער מיט אארעמען זענען גיקומען פאר רבה בר רב הונא צוא האבען אדין תורה . האט רבה צו זייא גזאגט טוהט אויס אייערע שיך און זאקין און קומט נעבין מיר און זאגט אייערע טענות . פון וואנען ווייסען מיר אז אדיין טאר ניט הערין איינעמס טענות איידער דער אנדערער קומט . שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין . און וויא באלד דעם דיין וועט אדיין גיין אין דיא אוהערין דעם ערשטינס רייד . וועט ער איהם גלויבען . און דעם אנדערינס רייד וועט דער נאך גאר ניט העלפין . קען זיין אז דער דיין וועט גירעכט מאכען דעם ערשטין און עס איז פאלש . און פון וואנען ווייסען מיר אזוי וויא עס איז אסור צום דיין ער זאל הערין איינעמס רייד איידער דער אנדערער קומט . אזוי איז אסור צו דעם מענטש ער זאל דער ציילען דעם דיין זיינע טענות און זאל זייא אים געבין צו פאר שטיין איידער זיין חבר קומט . שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין . און דא קען קומען עס זאל פאלש גיפסקנת ווערין ווי פריער שטייט . רב כהנא לערונט דאס פון דעם פסוק לא תשא שמע שוא . דער דיין טאר ניט פאר נעמען קיין פאלשע רייד . און מען לייענט לא תשיא שמע שוא ; דוא זאלסט ניט מאכען פאר נעמען פאלשע רייד (דוא זאלסט ניט דער ציילען פאלשע ריידן) . און דאס איז גיוויס אז איין בעל דין איז דא אליין און זיין חבר איז ניטא מיט אים . וועט ער זאגן ליגען אויך . איז אאיסור אויף דעם בעל דין און אויף דעם דיין . עס שטייט אין פסוק דער וואס האט ניט גיטאהן אין זיין פאלק . רב זאגט דאס מיינט מען אז איינער נעמט איבער זיין

הברם

זה הבא בהרשאה ושמואל אמר זה הלוקה שדה שיש עליה עסיקין :

(דף לה) **ה משנה** משביע אני עליכם וכו׳ באל״ף דל״ת ביו״ד ה״א בשדי בצבאות בחנון ורחום בארך אפים ברב חסד וכו׳ הרי אלו חייבין:

יזהר מאד שלא יכול לעשות פשרה בממון אחרים : שיש עליה עסיקין. עוררין כמו התעשקו עמו שמעוררין על המחזיק בה וזה בא וקונה אותו ונושא על הזקן שבועת אינו יודע :
חנן מאי כו׳. למלאך כלאמער קרא אדון בכך בלא לפני מיכאל במלעז זבגריאל מימינו ורפאל

**גמ׳** למימרא דחנון ורחום שמות נינהו ורמינהו יש שמות שנמחקין ויש שמות שאין נמחקין אלו הם שמות שאין נמחקין כגון אל אלהיך אלהיכם אהיה אשר אהיה אל״ף דל״ת ויו״ד ה״א שדי צבאות הרי אלו אין נמחקין אבל הגדול הגבור והנורא האדיר והחזק והאמיץ העזוז חנון ורחום ארך אפים ורב חסד הרי אלו נמחקין אמר אביי מתניתין במי שהוא חנון במי שהוא רחום קאמר :

(שם ע״ב) **ט כל** שמות האמורים בתורה באברהם קדש חוץ מזה שהוא חול שנאמר (בראשית יח) ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך הגניה בן אחי ר׳ יהושע ור׳ אלעזר בן עזריה משום ר׳

---

חברם הוב ער זאל זיך משפטין פון זיינעט וועגין. האט ער ניט גוט גיטאהן. ווארום אמענטש דארף זיך ניט קריגען אפרעמדע קריג. אונ מיט דעם מלוה אליין וואלט זיך דער לוה גיקענט פאר גלייכען. אונ מיט דעם מענטש וואס האט איבער גינומען דעם משפט קען מען זיך ניט פר גלייכען ווארום עס איז דאך ניט זיין געלט. אונ שמואל זאגט דאס מיינט מען אז איינער ומשל ראובן קויפט אפעלד ופון שמעון וואס מענטשין קריגען אויף איר. זיי זאגן די פעלד איז זייערע פון שמעון קען זיין ווארטין זיי גיקענט אוועק נעמען דיא פעלד. אבער ראובן איז אשטארקער מענטש. פר אים האט מען מורא. פון אים וועט מען זי ניט אוועק נעמען. טוהט דאך ראובן שאדין די מענטשין וואס די פעלד איז באמת זייערע:

**ה** משנה. משביע. אויב ראובן זאגט צו צוויא מענטשין איך בשווער אויף אייך איר זאלט קומען עדות זאגין. אונ זייא האבין גיזאגט מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגין: אונ זייא ווייסען יא דארפין זייא ברייגען אקרבן אויף דער עבירה. אונ אז ראובן האט גיזאגט צו צוויי מענטשין איך בשווער אייך מיט דעם שם אדנ״י. אדער מיט דעם שם הוי״ה. אדער מיט דעם שם שדי. אדער מיט צבאות. אדער מיט חנון. אדער מיט רחום. אדער מיט ארך אפים. אדער מיט רב חסד. אדער מיט אנדערע נעמען וואס מען רופט אויף גאט. אונ זיי האבין גיזאגט מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגין. אונ זיי ווייסין יא. דארפין זיי ברייגען אקרבן. פרעגט די גמרא וועלין מיר זאגין אז חנון אונ רחום זענען נעמען פון גאט. מיר האבין דאך גילערנט עס איז דא נעמען וואס מען מעג זיי אפ מעקין. אונ עס איז דא נעמען וואס מען טאר זיי ניט אפ מעקין. דאס זענען די נעמין וואס מען טאר זיי ניט אפ מעקין אל אלהיכם אהיה אשר אהיה. אדני הוי״ה שדי צבאות. אונ די נעמען מעג מען יא אפ מעקין הגדול הגבור הנורא האדיר החזק האמיץ העזוז חנון ורחום ארך אפים ורב חסד. זעהן מיר דאך אז חנון ורחום רעכונט מען ניט פון די נעמען פון גאט. האט אביי גיזאגט די משנה שמועסט אז ראובן האט גיזאגט צו די עדות איך בשווער אייך ביי דעם וואס ער איז אחנון. אדער ער האט גיזאגט איך בשווער אייך ביי דעם וואס ער איז ארחום:

**ט** כל. אלע נעמען אדני וואס שטייען אין דער תורה ביי אברהם. זענען אלע הייליגע נאר איין אדני איז ניט הייליג. עס שטייט אין פסוק ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך דער אדני איז ניט הייליג. ווארום דעם אדני מיינט מען ניט גאט. נאר מען מיינט דעם מלאך. אברהם האט גיזאגט צום גרעסטין מלאך אדני מיין האר. אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין זאלסטו נישט אוועק גיין פון מיר. אונ אז דו וועסט ניט אוועק גיין. וועלין די צוויי מלאכים אויך ניט אוועק גיין. הגניה דער זוהן פון רבי יהושעס ברודער אונ רבי אלעזר בן

עזריה

ר' אלעזר המודעי אמרו אף זה קדש. כמאן אזלא הא דאמר רב יהודה אמר רב גדולה הכנסת אורחים יותר מהקבלת פני שכינה כמאן כאותו הזוג. כל שמות האמורים בלוט חול חוץ מזה שהוא קדש שנאמר (שם יט) ויאמר לוט אלהם אל נא אדני הנה נא מצא עבדך חן בעיניך והגדל חסדך וגו' מי שיש בידו להמית ולהחיות זה הקב"ה. כל שמות האמורים בנבות קדש במיכה חול ר"א אומר בנבות קדש במיכה יש מהם חול ויש מהם קדש אל"ף למ"ד חול יו"ד ה"א קדש חוץ מזה שאל"ף למ"ד והוא קדש (שופטים יח) כל ימי היות בית האלהים בשילה. כל שמות האמורים בגבעת בנימין רבי אליעזר אומר חול רבי יהושע אומר קדש אמר ליה רבי אליעזר וכי מבטיח ואינו עושה א"ל ר' יהושע מה שהבטיח עשה והם לא בחנו אם

מתמהא: אף זה קדש. דכתיב לעיל מיניה וירא אליו ה' והדר כתיב והנה שלשה אנשים ואמר להקב"ה אל נא תעבור מעל עבדך המתן לי כאן עד שאכניס את האורחים: מי שיש בידו וכו'. וה"ק ויאמר לוט אלהם באזניהם אל נא יהי כן ואמר כלפי הקב"ה וא"ל אדני הנה נא מצא עבדך חן: בנבות. כתיב ברך נבות אלהים: במיכה. כגון לו בית אלהים וכגון הקדש הקדשתי הכסף לה' מידי לבני וגו' הרי הוא אסור עלי כהקדש גמורים שהם נאם עד שאתננו מידי לבני לעשות פסל ומסכה וכן כנה ה' דרכהם כלפי שכינה אמרם: אל"ף למ"ד חול. כגון לו בית אלהים את אלהי אשר עשיתי לקחתם: שמות האמורים בגבעה. וישאלו בני ישראל בה': וכי מבטיח. שינצחו ואינו עושה: הם לא בחנו. הם לא שאלו אלא בהעלה ולא

---

עזריה האבן גיזאגט פון רבי אלעזר המודעים וועגן. דער אדני איז אויך הייליג. אברהם האט גיבעטין ביי גאט ער זאל ניט אוועק גיין פון אים ביז ער וועט פאר בעטין די געסט צוא זיך זאגט די גמרא וואס רב יהודה האט גיזאגט פון רבם וועגין אז עס קומען אין אשטאט פרעמדע מענטשין אונ מען נעמט זיי אריין אין אשטוב אונ מען גיט זיי עסין אונ טרינקען אונ אארט צוא שלאפין. דיא מצוה איז גרעסער ווי צו זעהן דעם פנים פין דער שכינה. דאס האט רב גיזאגט ווי די צוויא תנאים חנניה אונ רבי אלעזר בן עזריה. אלע נעמען אדני וואס שטייען ביי לוט. זענען ניט הייליג. נאר איין אדני איז הייליג. עס שטייט אין פסוק ויאמר לוט אליהם אל נא ולוים האט גיזאגט צוא די מלאכים איך בעט איך עס זאל ניט אזו זיין. דער נאך האט לוט גיזאגט צו גאט. אדני הנה נא מצא עבדך חן בעיניך ותגדל חסדך אשר עשית עמדי להחיות את נפשי וואס דיין קנעכט האט גיפונען חן אין דיינע אויגין אונ דו האסט גיטאהן מיט מיר אגרויסין חסד מיך צוא לאזין לעבין. אז לוט שמועסט פון לאזין לעבין האט ער געוויס גירעט צו גאט. וואס ער קען אמענטשין טייטין אונ לעבעדיג מאכין. אלע נעמען אלהים וואס שטייט ביי נבות זענען הייליג. אלע נעמען אלהים וואס שטייט ביי מיכה זענען ניט הייליג. רבי אלעזר זאגט אלע נעמען אלהים וואס שטייט ביי נבות זענען הייליג. אונ די נעמען פון גאט וואס שטייט ביי מיכה. אנדערע זענען ניט הייליג אונ אנדערע זענען הייליג. וויא עס שטייט אלהים איז ניט הייליג. וויא עס שטייט הוי"ה איז יא הייליג. נאר איין אלהים איז דא וואס ער איז דא וואס ער איז יא הייליג. עס שטייט אין פסוק כל ימי היות בית האלהים בשילה. אלע טעג וואס די שטוב פון גאט ודער משכן איז גיוועזן אין שילה. אלע נעמען פון גאט וואס שטייט ביי גבעה בנימין. רבי אליעזר זאגט זיי זענען ניט הייליג. רבי יהושע זאגט זיי זענען יא הייליג. האט רבי אליעזר גיזאגט צו רבי יהושע. עס שטייט אין פסוק וישאלו באלהים. דער נאך שטייט נאך אמאהל אונ פסוק וישאלו בהוי"ה די יודין האבין גיפרעגט ביי אלהים אונ זייא האבין גיפרעגט ביי הוי"ה אויב זיי זאלין גיין צו דער מלחמה מיט בנימין האט מען זיי גיענטפערט זייא זאלין גיין. אז מיר וועלין זאגין אז דער אלהים אונ הוי"ה איז הייליג. זייא האבין גיפרעגט ביי גאט אונ גאט האט זייא גיהייסין גיין אין דער מלחמה. וועט דען גאט צו זאגין אונ וועט ניט מקיים זיין: זיי זענען דאך גיהרגת גיווארין אונ דער מלחמה. געוויס האבין זיי גירופין אלהים אונ הוי"ה צו די עבודה זרה. האט רבי יהושע גיענטפערט דער אלהים אונ הוי"ה איז טאקי הייליג וייא האבין טאקי גיפרעגט ביי גאט: אונ וואס גאט זאגט צו איז ער מקיים. זיי האבין אבער שלעכט גיפרעגט. זיי האבן נאך גיפרעגט אויב זיי זאלין גיין אין דער מלחמה. האט מען זייא

אם לנצות אם לנצח ובאחרונה שבהנו הסכימו על ידן שנאמר (שם כ) ופינחס בן אלעזר בן אהרן עומד לפניו בימים ההם לאמר האוסיף עוד לצאת למלחמה עם בני בנימן אחי אם אחדל וגו׳. כל שלמה האמורים בשיר השירים קדש שיר למי שהשלום שלו חוץ מזה (שה״ש ח) כרמי שלי לפני האלף לך שלמה שלמה לדידיה ומאתים לנוטרים את פריו רבנן וי״א אף זה חול (שם ג) הנה מטתו שלשלמה אף זה חול ולא מיבעיא היאך אלא הא דאמר שמואל מלכותא דקטלא חד משיתא בעלמא לא מיענשא שנאמר כרמי שלי לפני האלף לך שלמה למלכותא דרקיע ומאתים לנוטרים את פריו למלכותא דארעא שמואל לא כתנא קמא ולא כי״א אלא ה״ק וי״א

למרו כתתנהו בידי: שאחרונה שבהן. אחורים ופונים כי מהר אהגנו בידך הסכימו לדבריהם: ומאתים לנוטרים את פריו וגו׳. לרבנן כיהם ויעסקו בתורה אחד מאתם שנכס: הנה מטתו חול. שהיה נכנס מהמתיו כדאמרינן במסכת גיטין: דקטלא חד משיתא. במלכות דעבודה המלך ובשום׳ חד משיתא במלכה למלחמת הרבות קאמר: כל מלכיא האמורים בדניאל: כל מקום שנאמר בה

זיי גיענפערט גייט. פאר וואס האבין זיי ניט גיפרעגט וואס וועט זיין אין דער מלחמה. צוא זייא וועלין הרגענען פון בנימין צוא בנימין וועט הארגנען פון זייא. צום לעצטין אז זייא האבין גיפרעגט ריכטיג וואס עס וועט זיין. אויב זיי וועלין הרגענין פון בנימין אדער בנימין וועט פון זייא הרגענין. האט מען זייא גיענטפערט אויף ריכטיג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פינחס בן אלעזר בן אהרן איז אין די טעג גישטאנען פאר דעם ארון. האבין די יודין גיפרעגט בייא גאט מען זאל זייא זאגין אויב זייא זאלין גיין מלחמה האלטין מיט דעם שבט בנימין אדער גיין ואויב זיי וועלין נאך גיהרגעט ווערין פון בנימין אדער גיין. אלע נעמען שלמה וואס שטייט אין שיר השירים. זענען הייליג. מען זאל זאגען צוא גאט וואס ער געוועלטיגט אויף דעם שלום פון דער גאנצער וועלט. נאר איין ווארט שלמה איז ניט הייליג. ווייל דאס מיינט מען דעם מלך שלמה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיין ווייין גארטען איז פאר מיר גאט זאגט אלע יודין זענין מיין ווייין גארטין טויזענד גיהער צוא דיר שלמה וטויזענד יודין גיב איך צוא דיר שלמה זייא זאלין דיך בדינען ופון די טויזענד האט שלמה אוים געקליבען צווייא הונדערט זייא זאלין היטען דיא פירות ופון דעם ווייגארטין ודאס מיינט מען שלמה האט אוים געקליבען פון די טויזענד צוויי הונדערט תלמידי חכמים זיי זאלין זיצען אין בית המדרש אונ לערנען. דורך זיי וועט זיין געהיט דער ווייין גארטין. די יודין. אנדערע זאגין דער ווארט שלמה איז אויך ניט הייליג. די בעט פון שלמה זענען ארום איר גישטאנען זעכציג שטארקע סעלדאטין ווייל ער האט מורא גיהאט פאר דעם אשמדאי. פרעגט דיא גמרא די זאגסט אפילו דר שלמה איז אויך ניט הייליג. זעהט אוים אנדערע שלמהס פון שיר השירים זענען געווים ניט הייליג. נאר אפילו דער שלמה איז אויך ניט הייליג. מיר האבין גיהערט שמואל זאגט די מלוכה וואס הרגעט זיי נעמט צו איר בעדינונגו אזעקסטיל פון דער וועלט ווערט זי ניט גישטראפט. ווארום עס שטייט אין פסוק מיין ווייין גארטין איז פאר מיר. טויזענד זענען צו דיר שלמה. דאס מיינט מען טויזענד זאלין גיהערין צו גאט. זיי זאלין לערנען תורה. אונ צוויי הונדערט זאלין היטען די פירות. דאס מיינט מען זייא זאלין בדינען דעם מלך שלמה ופינף מאהל צוויי הונדערט איז דא אין טויזענד. נאך צוויי הונדערט צו. איז זעקס מאהל צוויי הונדערט. זענען דאך די צווייא הונדערט וואס האבין בעדינט דעם מלך שלמה. אזעקסטילו. ווי ווער וועט שמואל זאגין. ניט ווי דער ערשטער תנא. אונ ניט ווי די אנדערע. דער ערשטער תנא זאגט טויזענד צוא דיר שלמה. מיינט מען צום מלך שלמה אונ שמואל זאגט. שלמה מיינט מען גאט. אונ די אנדערע זאגין אז אלע שלמהס מיינט מען דעם מלך שלמה ניט גאט. אונ שמואל זאגט אז דעם שלמה מיינט מען גאט. ענטפערט די גמרא אזוי זאגין דיא אנדערע דער שלמה פון האלף לך שלמה. איז הייליג. אונ דער שלמה פון מטתו שלשלמה איז ניט הייליג. אונ שמואל זאגט אזו ווידי אנדערע זאגין: אלע ווערטער מלך וואס שטייט אין ספר דניאל. זענען

וי"א זה קדש וזה הוא חול דכתנו ושמואל דאמר בי"א. כל מלכיא האמורים בדניאל חול חוץ מזה שהוא קדש (דניאל ב) אנת מלכא מלך מלכיא די אלה שמיא מלכותא חסנא ותקפא ויקרא יהב לך וי"א אף זה קדש שנאמר (שם ד) מרי חלמא לשנאך ופשרה לערך לכאן קאמר אי ס"ד לנבוכדנאצר קאמר שנאותיה מאן נינהו ישראל מילט קא לייט להו לישראל ות"ק סבר שונאי ישראל איכא שונאי עכו"ם ליכא:

(דף לו) י א"ר יוסי בר' חנינא אמן בו שבועה בו קבלת דברים בו האמנת דברים בו שבועה דכתיב (במדבר ה) ואמרה האשה אמן אמן בו קבלת דברים דכתיב (דברים כז) ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן בו האמנת דברים דכתיב (ירמיה כח) ויאמר ירמיה הנביא

מלך: חוץ מזה מלך מלכיא. דהיינו לנבוכדנאצר קאמר לא הוה קרא ליה דניאל מלך מלכיא אלא כ"ק אנת מלכא כ"ל מלך מלכיא דכולהו אלהא דשמיא מלכותא חסנא יהב לך:
אמן בו שבועה. העונה אמן אחר שבועה כמוציא שבועה מפיו: בו קבלת דברים. האומר לחבירו ע"מ שתקיים לי תעשה כך וכך ואמר אמן קבל דבריו וחייב לקיים תנאו: בו האמנת דברים. וראוי לענות אמן על דברי תפלה והמברך בשאר לשון מאמין הדברים שיהא רצון שיהא אמת כן: ואמרה האשה אמן אמן. הא' ולא כמוציאה שבועה דמיא אמאי מיבדק אפילו מושבע מפי אחרים אין

---

ניט הייליג. ווארום מען מיינט דעם מלך נבוכדנצר. נאר דער ווארט מלך איז הייליג. אנת מלכא דניאל האט גיזאגט צו נבוכדנצר דו מלך מלך מלכיא די אלה שמיא דער גאט וואס איז אין הימעל וואס ער איז א מלך איבער אלע מלכים מלכותא חסנא ותקפא ויקרא יהב לך דאס האט ער גיגעבן צוא דיר דיין קעניגרייך און דיין שטארקייט און דיין כבוד. אנדערע זאגין דער ווארט מרי איז אויך הייליג. ווארום עס שטייט אין פסוק מרי חלמא לשנאך ופשרה לערך מיין הער דער חלום זאל זיין אויף דיינע פיינד און דער בשיידונג פון דעם חלום זאל אויך זיין אויף דיינע פיינדן. צוא וועמען האט דניאל גיזאגט מיין הער. איך זאל זאגין ער האט דאס גיזאגט צוא נבוכדנצר. די פיינד פון נבוכדנצר זענען דאך דיא יודין. האט דניאל גיפליכט דיא יודין. געוויס האט דניאל גימיינט מיין הער אויף גאט. און ער האט גיזאגט צוא גאט מיין הער דער חלום און דער בשיידונג פון דעם חלום וואס נבוכדנצר האט גיחלומט זאל פאלין אויף דיינע פיינד. און די פיינד פון גאט זענען גיווען נבוכדנצר מיט זיין לאנד בבל. און דער ערשטער תנא זאגט אז דניאל האט גיזאגט מיין הער צוא נבוכדנצר. דער חלום מיט דעם בשיידונג זאל פאלין אויף די פיינד פון נבוכדנצר. נאר האט דען נבוכדנצר גיהאט נאר יודישע פיינד. ער האט דאך גיהאט גוישע פיינד אויך. האט דניאל גימיינט די גוישע פיינד זיינע:

י אמר. רבי יוסי ברבי חנינא האט גזאגט אז איינער זאגט צו זיין חבר איך בשווער דיך אויף דיא זאך. און דער חבר זאגט אמן. איז גלייך וויא דער חבר אליין וואלט גישווארין. אדער איינער זאגט צו זיין חבר איך וועל דיר געבין דיא זאך אויף דעם תנאי דו וואלסט מיר טאהן דיא זאך. און דער חבר ענטפערט אמן. מוז שוין דער חבר מקיים זיין דעם תנאי און טאהן די זאך וואס יענער האט פון איהם פאר לאנגט. און אז מען דאווינט אדער מען זאגט א ברכה און דער חבר ענטפערט אמן. מיינט ער דיא ברכה איז אמת און הלואי זאל אזוי מקוים ווערין. פון וואנען וייסען מיר אז מען ענטפערט אמן נאך א שבועה. איז גלייך ווי מען שווערט אליין. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא סוטה זאל זאגן אמן אמן. און אז עס איז ליגען ווערט זיא גישטראפט. וייל עס איז גלייך וויא זיא וואלט אליין גישווארין: פון וואנען וייסען מיר אז מען ענטפערט אמן אויף דעם חברס תנאי. איז גלייך וויא מען וואלט אליין דיא זאך צו גזאגט. ווארום עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גזאגט פאר פלוכט זאל זיין דער מענטש וואס ער וועט ניט אויף שטעלין ומקיים זיין דיא רייד פון דער תורה ער זאל זייא טאהן. האט דאס גאנצע פאלק גזאגט אמן. און אז דיא יודין זענען ניט מקיים דיא תורה ווערין זייא גישטראפט. וייל עס איז גלייך וויא זייא וואלטין אליין צו גזאגט מקיים צו זיין דיא תורה. פון וואנען וייסען מיר אז מען ענטפערט אמן אויף א ברכה. מיינט מען הלואי זאל דיא ברכה מקוים ווערין. ווארום עס

שטייט

הנביא אמן כן יעשה ה' יקם ה' את דבריך אמר רבי אלעזר לאו שבועה הן שבועה בשלמא לאו שבועה דכתיב (בראשית ט) ולא יהיה עוד המים למבול וכתיב (ישעיה נד) כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי אלא הן שבועה מנ"ל סברא הוא מדלאו שבועה הן שבועה:

[יא פיסקא] המקלל עצמו וחבירו בכולן עובר בלא תעשה אמר ר' ינאי ודברי הכל עצמו דכתיב (דברים ד) השמר לך ושמור נפשך מאד וגו' כדרב' אבין א"ר אלעאי דאמר כל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לא תעשה וחבירו דכתיב (ויקרא יט) לא תקלל חרש:

לאו שבועה. לאו אמירה בלום אחר שבועה ולא דמיא להשביעני עליכם שאם כופרין אחר שבועה ועונין על דבריו אין אנו יודעין לך עדות: לאו שבועה. כדמפרש ואזיל שאמר לאו לאו תרי זימני או הן הן תרי זימני הרי הוא כשבועה מאחר שכפלן בדבריו: לא תקלל חרש. ומרבינן מיניה בסנהדרין כל שהוא בעמך:
יתיב וקאמר מתני' כדתנן. רב כהנא היה שונה משנתנו כמו שהיא שנויה יככה וגו': א"ל תני יכוה: כנה. הפוך דבריך כנגד אחרים אמור יכה שלא תקללני: ויתיב וקאמר גם אל יתצך לנצח וגו'. את המקרא הזה היה דורש כשאמר בתולה בספר תהלים: כנה: ואמור יתצו:

יב פיסקא (דברים כח) יככה ה' הוא אלה הכתובה בתורה יתיב רב כהנא קמיה דרב יהודה ויתיב וקאמר הא מתניתין כדתנן א"ל כנה יתיב ההוא מרבנן קמיה דרב כהנא ויתיב וקאמר (תהלים נב) גם אל יתצך לנצח יחתך ויסחך מאהל ושרשך

---

שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט געזאגט אמן אזוי זאל גאט טאהן גאט זאל אויף שטעלין דיינע רייד: רבי אלעזר זאגט אז איינער זאגט ניין ניין צוויי מאהל איז דאס אשבועה. אונ אז איינער זאגט יא יא צוויי מאהל איז אויך אשבועה. זאגט די גמרא אז מען זאגט ניין איז אשבועה דאס ווייסען מיר פון פסוק עס וועט שוין נישט מער זיין די וואסער צו אמבול. דער ווארט נישט איז אשבועה. ווארום עס שטייט אין פסוק דאס איז ביי מיר וויא די וואסער פון נח. ואר שוין נישט מער זיין אויף דער וועלט. וואו האט גאט געשווארין. וואס ער האט געזאגט דעם ווארט נישט. אבער אז מען זאגט יא איז אשבועה פון וואנען ווייסען מיר. ענטפערט די גמרא אזוי וויא צוויי מאהל ניין איז אשבועה. איז צוויי מאהל יא אויך אשבועה:

יא פיסקא. המקלל. אז איינער פלוכט זיך אליין. אדער ער פלוכט זיין חבר. איז ער עובר אויף אלאו. רבי ינאי זאגט אלע האלטען אז ער פלוכט זיך אליין איז ער עובר אויף אלאו. ווארום עס שטייט אין פסוק השמר לך ושמור נפשך מאוד ודוא זאלסט היטען דיך אונ זאלסט היטען דיין נפש דוא זאלסט דיך ניט פלוכין אונ רבי אבין האט געזאגט פון רבי אלעאים ווען ווא עס שטייט דער ווארט השמר אדער דער ווארט פן אדער דער ווארט אל. איז דס אלאו. אונ אז ער פלוכט זיין חבר איז אויך אלאו אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט פלוכין אטויבען. דאס מיינט מען אלע מענטשין. נאר ווייל געוויינליך פלוכט מען ניט אמענטשין ער זאל הערין. נאר ווען ער הערט ניט. דריבער רופט איהם דער פסוק אטויבער:

יב פיסקא. אין פסוק שטייט יככה ה. גאט זאל דיך שלאגין. דאס איז די קללה וואס שטייט אין דער תורה. רב כהנא איז געזעסן פאר רב יהודה אונ האט געזאגט די משנה אזוי וויא זיא שטייט. האט רב יהודה געזאגט צו רב כהנא וואס זאגסטו צו מיר יככה ה'. ווערט אוים וויא דוא פלוכסט מיך אונ זאגסט צו מיר גאט זאל מיך שלאגין. דוא האסט געדארפט זאגין יכה ה. גאט זאל איהם שלאגין. אמאהל איז געזעסן איינער פון די רבנן פאר רב כהנא אונ האט געזאגט דעם פסוק גם אל יתצך לנצח יחתך ויסחך מאוהל ושרשך מארץ חיים סלה וגאט זאל דיך צעשטויסען אויף אייביג ער זאל דיך פאר שניידין אונ זאל דיך אויס רייסען פון געצעלט אונ זאל דיך אויס ווארצלען פון די לעבעדיגע וועלט אויף אייביג. האט רב כהנא געזאגט צו דעם למדן אז דוא זאגסט צו מיר דעם פסוק אזוי וויא ער שטייט ווערט אויס ווי דוא פלוכסט מיך. דוא דארפסט זאגן די ווערטער ניט וויא גענין מיר. נאר וויא גענין אין אנדערין. גאט זאל איהם שטויסען איהם פאר שניידען איהם אויס רייסען אונ אויס ווארצלען.

ושרשך מארץ חיים סלה א"ל כנה תרתי למה לי מהו דתימא הני מילי מתניתא אבל בקראי אימא לא מכנינן קמ"ל :

כרבי חנינא בר אידי. בשלהי שבועת העדות השבע ולא השבע וכו' : אפילו תימא כבנוי . וכא דאמר רבי כשבועה האמורה בתורה : לאתפוסי חפצא . קאמר לו ספר או תפילין, כאברהם דאתפסיה לאליעזר בברית מילה : דאשבע בה' אלהי השמים . ולא התפיסו חפץ : נעשה כטועה בדבר משנה . ואע"ג דלא הוי לה במשנה במתניתא דרב הוא והוי היא כדבר משנה כדאמרינן בסנהד' דטועה בדבר המורה חוזר ולא אמרינן מה שעשה

## שבועת הדיינין פרק ששי

(דף לח ע"ב) **א היכי** משבעינן ליה א"ר יהודה אמר רב משביעין אותו

כשבועה האמורה בתורה דכתיב (בראשית כד) ואשביעך בה' אלהי השמים א"ל רבינא לרב אשי כמאן כר' חנינא בר אידי דאמר בעינן שם המיוחד א"ל אפילו תימא רבנן דאמרי בכנוי וג"מ דצריך לאתפוסי חפצא בידיה כדרבא דאמר האי דיינא דאשבע בה' אלהי השמים נעשה כמי שטעה בדבר משנה וחוזר ואמר רב פפא האי דיינא דאשבע בתפילין נעשה כמי שטעה בדבר משנה וחוזר והילכתא כותיה דרבא ולית הילכתא כוותיה דרבא דהא לא נקיט חפצא בידיה ולית הלכתא כוותיה דרב פפא דהא נקיט חפצא בידיה

---

פרעגט דיא גמרא צו וואס דער ציילט מען צווי מאהל אז מען זאל ניט זאגן אקללה וואס שטייט אין דער תורה געגין אמענטשין . זאגט דיא גמרא פון דער מעשה וואס איז געוועזן רב כהנא מיט רב יהודה וואלט איך זאגין וויל רב כהנא האט גזאגט אבראייתא . האט ער גידארפט ענדערין דעם לשון עס זאל ניט אויס זעהן וויא ער פלוכט רב יהודהן . אבער בייא דער מעשה פון דעם למדן מיט רב כהנא וואס דער למדן האט גזאגט אפסוק . וואלט איך מיינען דעם לשון פון פסוק דארף מען ניט ענדערין . זאגט אונז דיא גמרא אז אפילו דעם לשון פון פסוק דארף מען ענדערין נאר עס זאל ניט אויס זעהן וויא מען פלוכט יענעם מענטש :

## פרק ששי

**א** היכי : וויא אזוי בשווערט מען . רב יהודה זאגט פון רבס וועגין מען בשווערט איהם מיט דיא שבועה וואס שטייט אין דער תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צו זיין קנעכט אליעזר איך בשוועהר דיך מיט דעם נאמען הוי"ה וואס ער איז דער גאט פון הימעל . האט רבינא גזאגט צו רב אשי דאס איז אזוי וויא רבי חנינא בר אידי וואס ער זאגט ביי אשבועה דארף מען דער מאנען דעם ריכטיגען נאמען פון גאט ודעם שם הוי"ה , האט רב אשי גזאגט צו רבינא מיר קענען זאגין אפילו וויא דיא רבנן וואס זייא זאגין מען דארף ניט דער מאנען ביי אשבועה דעם שם הוי"ה . נאר איין אנדער נאמען וואס ווערט גזאגט אויף גאט איז אויך גינוג . נאר מען דארף האלטען אהייליגע זאך אין האנט ווען מען שווערט ואספר אדער תפלין . אזוי וויא רבא האט גזאגט דער דיין וואס ער האט איינעם בשווארין מיט דעם שם הוי"ה אלהי השמים ואונ דער וואס האט גישווארין האט ניט גיהאלטען קיין הייליגע זאך אין האנט . איז גלייך וויא דער דיין וואלט אטעות גיהאט אין אזוי אדין וואס שטייט אין אמשנה אנדערש וויא ער האט גיפסקת . אונ מען קען חרטה האבען פון דיא שבועה אונ פון דעם פסק דין . נאך האט רב פפא גזאגט דער דיין וואס הט איינעם בשווארין אונ דער וואס האט גישווארין האט גיהאלטען אין האנט תפלין . איז גלייך וויא דער דיין וואלט אטעות גיהאט אין אזוי אדין וואס שטייט אין אמשנה אנדערש וויא ער הט גיפסקת , אונ מען קען חרטה האבען פון דיא שבועה אונ פון דעם פסק דין . אונ דער דין איז וויא רבא אז דער וואס שווערט דארף האלטען אהייליגע זאך אין האנט . אונ דער דין איז ניט וויא רב פפא וואס ער זאגט אז תפלין איז ניט גינוג צו האלטען ביי אשבועה . נאר תפלין איז אויך גינוג צו האלטען בייא אשבועה . שווערין דארפען מען שטייענדיג . אתלמיד חכם שווערט זיצענדיג .

וועז

עשוי וישלם מכיהו : ת"ח . נשבע מיושב בס"ת : ולת"ג דהוקימנא דלא כרב פפא לכתחלה מיהא ס"ת בעינן ונדוריתינו בטלו הלכותיה שבועה דאורייתא לפי שבועה גדול והקנו לגזור עניו ארור כעשלה והא המנהו לעיל ארור בו שבועה : ת"ח . די לו לכתחלה בתפילין מפני כבודו : אף היא . לקמן מפרש מאי אף : בלשונה . בכל לשון שהוא מבין בו : שכל העולם נזדעזע . לקמיה בעי לה : את פיך . שבועת שקר : להביא את

בידיה . שבועה מעומד ת"ח מיושב שבועה בספר תורה ת"ח לכתחלה בתפילין :

**ב** **ת"ר** שבועת הדיינין אף היא בלשונה **נאמרה** אומרים לו הוי יודע (דף לט) שכל **העולם** כולו נזדעזע בשעה שאמר הקב"ה בסיני (שמות כ) **לא** תשא את שם ה' אלהיך לשוא וכל עבירות **שבתורה** נאמר בהן ונקה וכאן נאמר לא ינקה וכל **עבירות** שבתורה נפרעין ממנו וכאן ממנו ומשפחתו שנאמר (קהלת ה) אל תתן את פיך לחטיא את בשרך ואין בשרו אלא קרובו שנאמר (ישעיה נח) ומבשרך לא תתעלם וכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכאן ממנו ומכל העולם כולו שנאמר (הושע ד) אלה וכחש ורצות וגנוב ואימא עד דעביד להו לכולהו לא ס"ד דכתיב (ירמיה כג) כי מפני אלה אבלה הארץ וכתיב (הושע ד) על כן תאבל הארץ ואמלל כל יושב בה וכל עבירות שבתורה אם יש לו זכות תולין לו ב' וג' דורות וכאן נפרעין ממנו לאלתר שנא' (זכריה ה) הוציאתיה נאם ה' צבאות ובאה אל בית הגנב ואל בית הנשבע בשמי לשקר ולנה בתוך ביתו וכלתו ואת

---

**ווען** מען שווערט דארף מען האלטען א ספר תורה . אונ א תלמיד חכם איז גענוג ער זאל נאר האלטען תפלין :

**ב** תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט דיא שבועה וואס די דיינים בשווערן אמענטשען זאל מען איהם בשווערן מיט דעם לשון וואס ער פאר שטייט . ער זאל וויסען וואס ער שווערט . מען זאגט פריער צו דעם מענטשען דוא זאלסט וויסען אז דיא גאנצע וועלט האט געציטערט ווען גאט האט גזאגט אויף דעם בארג סיני לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא . דוא זאלסט ניט שווערין מיט דעם נאמען פון גאט צו פאלש . ביי אלע עבירות וואס שטייט אין דער תורה . שטייט גאט וועט דעם מענטש ריין לאזן ער וועט איהם מוחל זיין . אונ ביי א פאלשע שבועה שטייט גאט וועט ניט ריין לאזן ער וועט ניט מוחל זיין . אויף אלע עבירות פון דער תורה שטראפט גאט נאר דעם מענטש וואס האט געטאהן דיא עבירה . אונ אויף א פאלשע שבועה שטראפט גאט דעם מענטש וואס האט געשווארין פאלש אונ זיין גאנצע פאמיליע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט געבין דיין מויל וצו א פאלשע שבועה צוא מאכען זינדיגען דיין פלייש . דיא פריינד פון מענטשען זיין משפחה ווערין גירופען זיין פלייש . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פון דיין פלייש ופון דיין משפחה זאלסטו ניט פאר געסין זיא צוא העלפין . אויף אלע עבירות פון דער תורה שטראפט גאט נאר דעם מענטש וואס האט געטאהן די עבירה : אונ אויף א פאלשע שבועה שטראפט גאט דעם מענטש וואס האט געשווארין פאלש אונ דיא גאנצע וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פאלש שווערין אונ לייקענען אונ מענטשען הרגנן אונ גנבנן . אויף דעם וועט טרויערין דיא וועלט . אונ דיא וואס זיצען אויף דער וועלט וועלין פאר שניטען ווערין . פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען אז ער טוהט די פיר אלע עבירות שטראפט מען דיא וועלט : אבער ניט אויף פאלש שווערין אליין . זאגט דיא גמרא עס קען ניט זיין וואורום עס שטייט אין פסוק פאר א פאלשע שבועה וועט טרויערין דיא וועלט . נאך שטייט אין פסוק אויף דער זאך ואויף דיא ערשטע זאך פון דיא פיר זאכען . דאס איז די פאלשע שבועה וועט טרויערין דיא וועלט אונ עס וועט פאר שניטען ווערין אלע וואס זיצען אויף דיא ערד : אויף אלע עבירות פון דער תורה . אויב דער מענטש האט מצות ווארט מען איהם צוויי אדער דריא דורות . אונ אויף פאלש שווערין שטראפט מען באלד דעם זעלביגען מענטש : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך האב אויס געצויגען דיא פלוכונג אונ זיא וועט קומען אין דיא שטוב פון גנב . אונ אין דיא שטוב פון דעם מענטש וואס האט געשווארין מיט מיין נאמען

פאלש

ואת עציו ואת אבניו. הוצאתיה לאלתר ובאה אל אל בית הגנב זה הגונב דעת הבריות שאין לו ממון אצל חברו וטוענו ומשביעו ואל בית הנשבע בשמי לשקר כמשמעו ולנה בתוך ביתו וכלתו ואת עציו ואת אבניו הא למדת דברים שאין אש ומים מכלין אותן שבועת שקר מכלה אותן. אם אמר איני נשבע פוטרין אותו מיד וא״ם אמר הריני נשבע העומדים שם אומרים זה לזה (במדבר טז) סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים האלה וכשמשביעין אותו אומרים לו הוי יודע שלא על דעתך אנו משביעין אותך אלא על דעת המקום ועל דעת ב״ד שכן מצינו במשה רבינו ע״ה כשהשביע את ישראל אמר להם דעו שלא על דעתכם

בשקר. אלא קורין: פוטרין אותו מיד. ואין משביעין אותו כאן שלא יחזור בו וע״כ יצלם מקבל עליו בבית דין: הרשעים. מפרש לקמיה: אלא על דעתנו. הא פירושא טעמא משום קניא דרבא בפ״ג (בנין דיהיב ליה קנה וגזן המעות לתוכו והפקידו אצלו ונשבע שהחזיר לו מעותיו ולאחר השבועה יחזור ויטלנו ועובדא הוה קמיה דרבא סבי): ולא אתכם לבדכם. כלומר לא כשאתכם במחשבה לבבכם ולא כמו שאתם סבורים כאבל

---

פאלש. אונ זיא וועט נעכטיגען אין זיין שטוב אונ זיא וועט איהם פאר לענדין זיינע האלץ אונ זיינע שטיינער. איך וועל אוים ציהען דיא פלוכונג מיינט מען באלד. אונ דיא פלוכונג וועט קומען אין דיא שטוב פון גנב. דאס מיינט מען דעם מענטש וואס גינארט מענטשן אונ ער גנבת ביי זייא זייער שכל. למשל עס קומט איהם גאר ניט קיין געלט ביים דעם מענטשן. אונ ער מאנט ביי איהם געלט. אונ יענער מוז שווערין אאומזיסטע שבועה. אונ דיא פלוכונג וועט קומען אין דיא שטוב פון דעם מענטש וואס האט גישווארין מיט מיין נאמען צו פאלש. אונ זיא וועט נעכטיגען אין זיין שטוב אונ זיא וועט איהם פאר לענדין דיינע האלץ אונ זיינע שטיינער. פון דאנען לערנען מיר אז דיא זאכען וואס פייער אונ וואסער פאר לענדין ניט. אבער דיא פאלשע שבועות פאר לענדין דאס. אז בית דין האבען גיפסקנת אויף איינעם ער זאל שווערין. אונ אויב ער וועט ניט שווערין זאל ער בצאהלען אונ ער האט גזאגט איך וויל ניט שווערין. זאגן בית דין צו איהם ער זאל שוין גיין אהיים. ער זאל שוין ניט קענען חרטה האבען אונ זאגן ער וויל יא שווערין. נאר ער מוז שוין בצאהלען וויא פיל בית דין האבען גיפסקנת. אונ אויב ער האט גזאגט איך וויל שווערין. דיא מענטשן וואס שטייען דארטין זאלן זאגן איינער צום אנדערין דעם פסוק קערט אפ גייט אוועק פון די גיצעלטין פון דיא מענטשין די רשעים. אונ איידער בית דין בשווערין איהם זאגן זיי צו איהם דו זאלסט וויסען גישט וויא דוא טראכסט צו שווערין בשווערין מיר דיך. נאר וויא גאט מיינט אונ וויא מיר בית דין מיינען ווארום עס האט אמאהל גיטראפען ראובן האט גימאנט געלט ביי שמעון. האט שמעון גזאגט צו ראובן דוא האסט מיר טאקי גיבארגט געלט נאר איך האב דיר שוין בצאהלט. זענען זייא גיקומען האבען אדין תורה ביי רבא. הט רבא גיהייסען שמעון זאל שווערין אז ער האט שוין בצאהלט. האט שמעון גימאכט אלאך אין אשטעקין אונ האט אינווייניג אריין גילייגט דאס גאנצע געלט וואס ראובן האט ביי איהם גימאנט. אונ ער האט פאר מאכט דעם שטעקין מען זאל ניט דער קענען. אונ ער איז גיקומען מיט דעם שטעקין צו בית דין. וויא שמעון האט גידארפט שווערין האט ער גזאגט צו ראובן האלט נאר דעם שטעקין ביז איך וועל אפ שווערין. אונ שמעון האט גישווארין אז ער האט אוועק גיגעבין דאס געלט צו ראובן. ווארום ראובן האט דאך גיהאלטען דעם שטעקין וואס אינווייניג איז גיווען דאס געלט. נאך דער שבועה וויא שמעון האט גיוואלט צוריק נעמען דעם שטעקין פון ראובן איז ראובן אין כעס גיווארן אונ האט גיגעבין אקלאפ דעם שטעקין אין וואנט איז דער שטעקין צו בראכען גיווארין אונ דאס געלט איז ארויס גיפאלען. האט מען גיזעהן דעם שווינדול פון די פאלשע שבועה. דריבער זאגן היינט בית דין מען מוז שווערין וויא בית דין טראכטען. אונ אזוי געפינען מיר ביי משה רבינו ע״ה ווען ער האט בשווארין דיא יודין האט ער גזאגט צו זייא איר זאלט וויסען איך בשווער אייך ניט וויא איר טראכט אין הארצען נאר איך בשווער

אייך

במחשבה שבלבבכם אלא על דעתי ודעת ב״ד : ולא הבא עמכם . דלמא לא תמילא מכריתות

דעתכם אני משביע אתכם אלא על דעת המקום ועל דעתי שנאמר (דברים כט) ולא אתכם לבדכם וגו׳ כי את אשר ישנו פה אין לי אלא אותם העומדין על הר סיני דורות הבאים וגרים העתידים להתגייר מנין ת״ל (שם) ואת אשר איננו פה ואין לי אלא מצות שקבלו עליהם בהר סיני מצות העתידות להתחדש כגון מקרא מגלה מנין ת״ל (אסתר ט) קימו וקבלו קיימו מה שקבלו כבר :

ג אמר מר אימרים לו הוי יודע שכל העולם כלו נזדעזע בשעה שאמר הקב״ה (שמות כ) לא תשא את שם ה׳ אלהיך לשוא מ״ט אילימא משום דאתיהב בסיני עשרת הדברות נמי אתיהבו בסיני אלא משום דחמירא ומי חמירא והא תנן אלו הן קלות עשה ולא תעשה חוץ מלא תשא חמורות זו כריתות ומיתות בית דין ולא תשא עמהן אלא כדתני טעמא וכל עבירות שבתורה נאמר לא ינקה . וכל עבירות שבתורה לא נאמר בהן ולא ינקה והכתיב (שם לד) ונקה לא ינקה ההוא מיבעי ליה לכדרבי אלעזר

---

איך ווי גאט מיינט און ווי איך מיין. אזו ווי עס שטייט אין פסוק ניט מיט אייך אליין מאך איך דעם פאר בינדונג נאר מיט די אלע מענטשין וואס זענען איצט דא . ווייסען מיר אז גאט הט געמאכט א פאר בינדונג מיט די מענטשין וואס זענען געשטאנען אויף דעם בארג סיני. פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט געמאכט א פאר בינדונג מיט די מענטשין וואס וועלין געבארין ווערין און מיט די גוים וואס וועלין זיך מגייר זיין . שטייט אין פסוק גאט האט געמאכט א פאר בינדונג מיט די מענטשין וואס זענען נאך איצט ניטא . פון דאנען ווייסען מיר נאר אז גאט האט געמאכט א פאר בינדונג מיט די יודין אז יעדער יוד מוז היטען די מצות וואס גאט האט איהם געבאטען אויף דעם בארג סיני . פון וואנען ווייסען מיר אז גאט הט געמאכט א פאר בינדונג מיט די יודין אפילו אויף די מצות וואס די חכמים וועלין שפעטער גוזר זיין : למשל אזוי א מצוה ווי די מגלה לייענען . שטייט אין פסוק קימו וקבלו . די יודין האבען מקיים געווען די מצוה פון מגלה לייענען ווס זיי האבען שוין אויף זיך לאנג מקבל געווען ווען זיי זענען נאך געשטאנען אויף דעם בארג סיני :

ג אמר . דער תנא האט גזאגט מען זאגט צו דעם וואס וויל שווערין דוא זאלסט וויסען אז די גאנצע וועלט האט געציטערט ווען גאט האט גזאגט לא תשא את שם ה׳ אלהיך לשוא ודוא זאלסט ניט שווערין פאלש ביי דעם נאמען פון גאטו . פרעגט די גמרא פאר וואס האט די וועלט געציטערט ביי לא תשא . מיר זאלן זאגן ווייל דאס איז גזאגט געווארין אויף דעם בארג סיני . די עשרת הדברות זענען דאך אויך גזאגט געווארין אויף דעם בארג סיני . וועלין מיר זאגן ווייל לא תשא איז א הארבע מצוה . זיא איז דאך ניט קיין הארבע מצוה . ווארום מיר האבען גילערנט גרינגע מצות זענען א מצות עשה און א מצות לא תעשה . אויסער לא תשא איז א הארבע מצוה . הארבע מצות זענען די מצות וואס אויף זיי קומט כרת און די מצות וואס בית דין הרגת אויף זיי . און לא תשא איז אויך א הארבע מצוה . זעהן מיר דאך אז לא תשא איז ניט הארבער ווי די מצות וואס אויף זיי קומט כרת אדער מיתה פון בית דין . פאר וואס אויף די מצות פון כרת אדער מיתה פון בית דין האט די וועלט ניט געציטערט . און אויף לא תשא הט די וועלט יא געציטערט . ענטפערט די גמרא דער טעם איז ווי דער תנא אליין זאגט . אויף אלע עבירות שטייט אין דער תורה ונקה . גאט וועט מוחל זיין . און אויף די עבירה פון פאלש שווערין שטייט לא ינקה . גאט וועט ניט מוחל זיין . פרעגט די גמרא ביי אלע עבירות פון דער תורה שטייט ניט אז גאט וועט ניט מוחל זיין . עס שטייט דאך ונקה לא ינקה . ריין לאזין וועט גאט ניט ריין לאזין . דאס מיינט מען גאט וועט ניט מוחל זיין . ענטפערט די גמרא דעם ונקה לא ינקה דארף מען אזוי ווי רבי אלעזר האט גזאגט .

ווארום

אלעזר דתניא ר' אלעזר אומר אי אפשר לומר ונקה שכבר נאמר לא ינקה ואי אפשר לומר לא ינקה שכבר נאמר ונקה הא כיצד מנקה הוא לשבים ואינו מנקה לשאינן שבים כל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכאן ממנו וממשפחתו . וכל עבירות שבתורה ממשפחתו לא והכתיב (ויקרא כ) ושמתי אני את פני באיש ההוא ובמשפחתו ותניא א"ר שמעון אם הוא חטא משפחתו מה חטאה לומר לך אין לך משפחה שיש בה מוכס שאין כולם מוכסין ושיש בו לסטים שאין כולם לסטים מפני שמחפין עליו התם בדינא אחריני הכא בדינא דידיה בדתניא רבי אומר (שם) והכרתי אותו מה ת"ל לפי שנאמר ושמתי אני את פני יכול כל המשפחה כולה בהכרת ת"ל אותו אותו בהכרת ולא כל המשפחה כולה בהכרת . איסקא . וכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכו' וכל עבירות שבתורה מכל העולם לא והכתיב (שם כו) וכשלו איש באחיו איש בעון אחיו מלמד שכל ישראל ערבים זה בזה (שם ע"ב)

ומיהו א"כ : מנקה הוא לשבים . וכאן לא לשבים לא ינקה כלא פרעון : בדינא אחרינא . כפורסמא

---

וואָרום מיר האָבען גילערונט רבי אֶלְעָזָר זאָגט מיר קענען ניט זאָגען וְנַקֵּה . אַז גאָט וועט ריין לאָזין . וואָרום עס שטייט לא יְנַקֶּה . גאָט וועט ניט ריין לאָזין . אונ מיר קענען ניט זאָגען לא יְנַקֶּה . גאָט וועט ניט ריין לאָזין . וואָרום עס שטייט וְנַקֵּה . גאָט וועט יאָ ריין לאָזין . ווי האַלט איז . דיא וואָס טוהען תשובה וועט זייא גאָט ריין לאָזין . ער וועט זייא מוחל זיין . אונ די וואָס טוהען ניט קיין תשובה . וועט זייא גאָט ניט ריין לאָזין . ער וועט זייא ניט מוחל זיין . אָבער אַז מען שווערט פאַלש אַפילו מען טוהט תשובה וועט אויך גאָט ניט מוחל זיין ביז ער וועט דעם מענטשין שטראָפין :

דער תנא האָט גיזאָגט אויף אַלע עבירות וואָס שטייט אין דער תורה שטראָפט מען נאָר דעם מענטש וואָס טוהט דיא עבירה . אָבער אויף אַפאַלשע שבועה שטראָפט מען דעם מענטש וואָס האָט גישוואָרין דיא פאַלשע שבועה אונ זיין גאַנצע פאַמיליע . פרעגט דיא גמרא אויף אַלע עבירות שטראָפט מען ניט די משפחה פון דעם וואָס האָט גיטאָהן דיא עבירה . עס שטייט דאָך אין פסוק גאָט זאָגט איך וועל טאָהן מיין פנים צו שטראָפין דעם מענטש מיט זיין משפחה . אונ מיר האָבען גילערונט רבי שמעון זאָגט אויב ער האָט גיזינדיגט וואָס האָט דיא משפחה גיזינדיגט . נאָר דער פסוק זאָגט אונז אַז אין אַמשפחה איז דאָ אַמוכס . זענען אַלע מוכסים . אַז אין אַמשפחה איז דאָ אַגזלן זענען אַלע גזלנים . וויל זייא האַלטען פאַר איהם זענען זייא אויך אַזוי וויא ער . דריבער דאַרף דיא גאַנצע משפחה גישטראָפט ווערין . ענטפערט דיא גמרא ביא אַלע עבירות איז אַזוי . דער וואָס האָט גיטאָהן דיא עבירה וועט שטאַרק גישטראָפט . אונ דיא גאַנצע משפחה ווערין גישטראָפט מיט אַגרינגע שטראָף . אָבער דער וואָס שווערט פאַלש ווערט גישטראָפט דיא גאַנצע משפחה מיט דער זעלביגער שטראָף וואָס ער ווערט גישטראָפט . אַזוי וויא מיר האָבען גילערונט רבי זאָגט עס שטייט אין פסוק איך וועל אים פאַר שניידין : צוא וואָס שטייט דער פסוק . וויל עס שטייט אין פסוק איך וועל טאָהן מיין פנים (מיין כעס) אויף דעם מענטש אונ אויף זיין משפחה וואָלט איך מיינען אַז די גאַנצע משפחה וועט פאַרשניטען ווערין . שטייט אין פסוק אותו אים . אים וועל איך פאַרשניידען . אָבער די גאַנצע משפחה וועל איך ניט פאַרשניידען . איך וועל זייא שטראָפען מיט איין אַנדער שטראָף אַגרינגערע . אויף אַלע עבירות פון דער תורה ווערט נאָר גישטראָפט דער וואָס טוהט די עבירה אָבער די גאַנצע וועלט ווערט ניט גישטראָפט דורך אים . פרעגט די גמרא אויף אַלע עבירות פון דער תורה ווערט ניט גישטראָפט דיא וועלט דורך איינעם . עס שטייט דאָך אין פסוק וְכָשְׁלוּ איש בְּאָחִיו . איין מענטש וועט גישטרויכעלט ווערען דורך זיין ברודער . דאָס מיינט מען איין מענטש וועט גישטרויכעלט ווערען דורך די זינד פון זיין ברודער . דער פסוק לערונט אונז אַז אַלע יודין מוזען בצאָהלין פאַר די זינד פון איין יודין . וואָרום איין יוד איז ערב פאַר דעם

אנדערין

ע"ב) התם שיש בידו למחות ולא מיחה כאי איכא בין רשעים דמשפחתו לרשעים דעלמא בין צדיקים דמשפחתו לצדיקים דעלמא הוא בשאר עבירות בדיניה ורשעים דמשפחתו בדין חמור ורשעים דעלמא בדין הקל צדיקי דהכא והכא פטירי גבי שבועה הוא ורשעים דמשפחה בדיניה ורשעים דעלמא בדין המור וצדיקי דהכא והכא בדין הקל. [פיסקא] ואם אמר הריני נשבע העומדים שם וכו' בשלמא ההוא דקא משתבע דקאי באיסורא אלא ההוא דקא משבע ליה אמאי משום דתניא ר' שמעון בן טרפון אומר (שמות כב) שבועת ה' תהיה בין שניהם מלמד ששבועה חלה על שניהם:

(דף מ ע"ב) ד [פיסקא] מנה לי בידך אין לך בידי פטור אמר רב נחמן ומשביעין אותו שבועת היסת מ"ט חזקה אין אדם תובע אא"כ יש לו עליו אדרבה חזקה אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו אשתמוטי הוא דקא משתמיט ליה סבר

קלה ולה בשורעות הכא עליו: חלה על שניהם. שהניהם נענשים בה שלא דקדק למסור ממונו ביד נאמן ובא לידי חילול השם:

היסת. לשון מימה שסמו חכמים עליו שבועה כמו אם ה' הסיתך בי:

---

אנדערין ער זאל קיין עבירה ניט טאהן. ענטפערט די גמרא דאס איז נאר ווא יענע יודין האבען אים גיקענט ווערין ער זאל קיין עבירה ניט טאהן. אונ זייא האבען אים ניט גיווערט. ווערין זיי אויך גישטראפט. אבער ווא קיינער האט גאר ניט גיוואסט פון זיין עבירה. אדער זיי האבען אים ניט גיקענט ווערען. ווערען זייא ניט גישטראפט. זאגט די גמרא וואס איז דער חילוק צווישען די רשעים פון זיין משפחה. צו די רשעים פון דער וועלט. אונ וואס איז דער חילוק צווישען די צדיקים פון זיין משפחה. צו די צדיקים פון דער וועלט. ביי אלע עבירות ווערט גישטראפט דער וואס האט גיטאהן די עבירה מיט זיין שטראף וואס עס קומט אויף די עבירה. אונ די רשעים פון זיין משפחה ווערען אויך גישטראפט מיט אשווערע שטראף. אונ דיא רשעים פון דער וועלט ווערען גישטראפט מיט אגרינגע שטראף די צדיקים פון זיין משפחה אונ די צדיקים פון דער וועלט ווערין ניט גישטראפט. אבער ביי אפאלשע שבועה. דער וואס האט גישווארען פאלש ווערט גישטראפט מיט זיין דין. אונ דיא רשעים פון זיין משפחה ווערען אויך גישטראפט מיט זיין דין. אונ די רשעים פון דער וועלט ווערין גישטראפט מיט אשווערען דין. אונ די צדיקים פון דער משפחה אונ די צדיקים פון דער וועלט ווערען גישטראפט מיט אגרינגען דין. אונ אויב ער האט גיזאגט איך וועל שווערין. די וואס שטייען דארטען זאגין איינער צום אנדערין לאמיר אוועק גיין פון די גיצעלטען פון דיא מענטשין וואס זענען רשעים. פרעגט די גמרא דער וואס שווערט הייסט ארשע ווארום ער טוהט אעבירה. ער שווערט פאלש. אבער דער וואס בשווערט אים פאר וואס איז ער ארשע. ענטפערט דיא גמרא ווארום מיר האבען גילערנט רבי שמעון בן טרפון זאגט עס שטייט אין פסוק די שבועה פון גאט זאל זיין צווישען ביידע. דער פסוק לערנט אונז אז דער שטראף פון די פאלשע שבועה איז אויף זיי ביידע. אויף דעם וואס שווערט אונ אויף דעם וואס בשווערט:

ד פיסקא. מנה. אז איינער האט גיזאגט צוא זיין חבר דוא ביזט מיר שולדיג הונדערט גילדען. אונ דער חבר זאגט עס איז ליגען. עס קומט דיר גאר ניט. זאגט רב נחמן דיא רבנן האבען גיפסקנת ער זאל שווערין אז ער איז ניט שולדיג. פאר וואס. ווארום עס איז געווים אז אמענטש מאנט ניט אז אים קומט ניט. אונ אז ער מאנט יא געווים קומט אים פרעגט דיא גמרא עס איז דאך אבער געווים אז אמענטש איז שולדיג. געלט האט ער ניט קיין העזה געגין זיין בעל חוב צוא זאגין אים אין די אויגין איך בין דיר ניט שולדיג. אונ אז דער מענטש זאגט יא צוא זיין חבר איך בין דיר ניט שולדיג. געווים איז אזוי אמת אז ער איז ניט שולדיג. ענטפערט דיא גמרא עס קען זיין דער מענטש מיינט גאר ניט צו לייקענען ניט צוא בצאהלין. ער וויל יא בצאהלין נאר א צייט האט ער קיין געלט ניט. טראכט ער זיך אז איך וועל אים שון

תורה

סבר עד דהוו לי ופרענה ליה :

(דף מא ע"ב) **ה ההוא** דא"ל לחבריה הב לי מאה זוזי דמסיקנא בך א"ל לא פרעתיך בפני פלוני ופלוני אתו פלוני ופלוני אמרו לא היו דברים מעולם סבר רב ששת למימר הוחזק כפרן א"ל רבא כל מילתא דלא רמיא עליה דאיניש לאו אדעתיה :

[דמסיקנא בך. שאני מסה בך: לא היו דברים מעולם לא פרע לפנינו וזה אומר או בפניהם או שלא בפניהם פרעתיך: הוחזק כפרן. ואינו נאמן אפילו בשבועה לומר פרעתיך שלא בפניהם שהרי אמר פרעתיך בפניהם ונמצא שקרן: כל מילתא דלא רמיא עליה דאינש. כגון זה שלא היה לו לומר פרעתיך בעדים שלא אמר לו זה בשעת הלואה בעדים פרע לי הילכך לא שם לבו לזכור אם בעדים פרע אם שלא בעדים ואמר בעדים פרעתיך ולאו אדעתיה ואינו מוחזק כפרן בכך] :
דקטיל ושדי. שנקצץ הדקל ומושלך לארץ : דגזים. אומר לעשות דבר גוזמא ושגעון ואינו עושה :

# כל הנשבעין פרק שביעי

(דף מו) **א א"ר** נחמן האי מאן דנקיט נרגא בידיה ואמר אזיל ואיקטליה לדיקלא **דפלניא** ואשתכח דקטיל ושדי לא אמרינן דהוא קטליה **אלמא עביד אינש דגזים ולא עביד** :

תניא

---

מודה זיין אז אים קומט געלט . וועל איך אים באלד מוזין בצאהלין . דריבער וועל איך דער **וייל** לייקענען . וועט ער מיך שוין ניט מאנען אונ ווען איך וועל נאר האבען געלט וועל איך אים בצאהלין . אונ עס קען אבער אמאהל טרעפין ווייל ער וועט שוין האבען גילייקנט . וועט ער **שוין** טאקי ניט בצאהלען . דריבער האבען די רבנן גיפסקנת אז ער מוז שווערין :

**ה** ההוא . איינער האט אמאהל גיזאגט צוא זיין חבר גיב מיר די הונדערט **גילדען** וואס איך מאהן ביי דיר . האט דער חבר גיזאגט גידיינקסטו דען ניט אז איך האב **דיר** בצאהלט . אונ די צוויי מענטשין ראובן אונ שמעון האבען גיזעהן וויא איך האב דיר בצאהלט . איז גיקומען ראובן אונ שמעון אונ האבין גיזאגט מיר ווייסין גאר גיט וואס צו זאגין . מיר **האבען** קיין מאהל ניט גיזעהן ער זאל בצאהלין וועמען געלט . אונ דער חבר זאגט איצט איך **וויים** געוויס אז צווייא מענטשין זענען גישטאנען דער ביי ווי איך האב דיר בצאהלט . מיר **האט** גידאכט אז דאס איז גיוועזן ראובן אונ שמעון . אז זיי זאגין זיי זענען ניט גיוועזן דער ביי . **זענען** דאס גיוועזן אנדערע צוויי מענטשין נאר איך גידיינק ניט וועה : האט רב ששת גיוואלט **זאגין דער** מענטש איז שוין אליגנער : אפילו ער וועט שווערין אז ער האט בצאהלט גלויב איך **אים אויך** ניט . האט רבא גיזאגט צו רב ששת יעדער זאך וואס אמענטש האט ניט נייטיג **דאס צוא** וויסען . נעמט ער דאס ניט אריין אין די גידאנקען ער זאל דאס גידיינקען . ווייל דער **מענטש** האט ניט גיהאט נייטיג ער זאל אים בצאהלען פאר עדות . דריבער האט ער ניט **גינומען** אין די גידאנקען צוא גידיינקען ריכטיג ווער די עדות זענען גיוועזן . אבער עס קען זיין **עס** איז אמת אז ער האט טאקי בצאהלט פאר עדות . אונ ער איז גאר ניט קיין **ליגנער** . **דריבער** דארף ער שווערין אונ מיט אשבועה וועט מען אים גלויבין :

## פרק שביעי

**א** אמר . רב נחמן האט גיזאגט אז אמענטש ולמשל ראובן האט גיהאלטין **אהאק אין** האנט . אונ ער האט גיזאגט איך וועל גיין אפ האקין שמעונ'ס בוים . דער נאך האט **מען** גיפונען אז שמעונ'ס בוים ליגט אפ גיהאקט . אונ מען וויים ניט ווער עס האט אים אפ גיהאקט . זאגט שמעון ווייל ראובן האט גיזאגט ער וועט אפ האקען מיין בוים . געוויס האט ער **אים** **טאקי אפ גיהאקט** . דארף ער מיר בצאהלען . זאגין מיר ניט אז געוויס האט ראובן אפ גיהאקט . **ווארום** אמאל זאגט אמענטש אזאך אונ ער טוהט ניט . אונ עס קען **זיין אין אנדערער האט** דעם בוים אפ גיהאקט ניט ראובן :

תניא

(דף מז ע"ב) **ב תניא** (ר') שמעון בן טרפון אומר (שמות כב) שבועת ה' תהית בין שניהם וגו' מלמד שהשבועה חלה על שניהם (ר') שמעון בן טרפון אומר אזהרה לעוקב אחר נואף מנין ת"ל (שם כ) לא תנאף לא תנאיף (דברים ה) ותרגנו באהליכם (ר') שמעון בן טרפון אומר תרתם וגיניתם באהלו של מקום (שם) עד הנהר הגדול נהר פרת (ר') שמעון בן טרפון אומר קרב לגבי דהינא ואידהן דבי רבי ישמעאל תנא עבד מלך כמלך:

ולמה

לעוקב אחר המנאף. כשבא לו הפסוק להרגיל לו נשים לניאוף: תרתם. את הארץ: וגיניתם. את המקום שהשכין את שכינתו ביניכם: קרב לגבי דהינא והידהן. אם נגעה נמצות בזמן הבא ג"כ מבוה בנגיעתו כלו' פרת הוא קטן מג' נהרות שהוא מנוי אחרון לבסוף והנהר הרביעי הוא פרת וכאן הוא קורא אותו נהר גדול בשביל שהוא סמוך כאן על שם א"י שהיא חשובה מכל גב הוא בחשיבות: דהינא. לשון שמן ומשיחה. הודשנה מחלב מתורגם אתדהינת:

---

**ב** תניא. מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן טרפון זאגט עס שטייט אין פסוק דיא שבועה פון גאט זאל זיין צווישען זייא ביידע. דער פסוק לערנט אונז אז דער שטראף פון אפאלשע שבועה קומט אויף ביידע. אויף דעם וואס שווערט אונ אויף דעם וואס בשווערט. נאך האט רבי שמעון בן טרפון גזאגט וואו האט דיא תורה פאר באטען אז אמענטש זאל ניט ברייגגן אאשה צו זיין חבר ער זאל מיט איר מזנה זיין. שטייט אין פסוק לא תנאף. לייענן מיר לא תנאף דוא זאלסט ניט ברייגגען דיין חבר צום מזנה זיין. נאך האט רבי שמעון בן טרפון גזאגט עס שטייט אין פסוק ותרגנו באהליכם. וואס איז דער טייטש ותרגנו. דאס איז צווייא ווערטער. תרתם וגיניתם. איר האט אויס געזעהן דיא לאנד ארץ ישראל אונ איר הט פאר מיאוסת דעם ארט וואס גאט האט דארט גיוואלט כאבען זיין גיצעלט דארט זאל רוהען זיין שכינה צווישען אייך. עס שטייט אין פסוק ביז צום גרויסען טייך דער טייך פרת. איז דען פרת אגרויסער טייך. זאגט רבי שמעון בן טרפון מען מיינט ניט דער פרת איז גרוים ווייל ער פאר נעמט אגרויסע שטיק פלאץ. נאר מען מיינט דער פרת איז גרוים אין חשיבות. ווייל ער איז נעבן ארץ ישראל. אזוי וויא מען זאגט גייען נעבין אגיזאלבטין מיט שמעקעדיגע בוימאייל. וועט פון דיר אויך שמעקין. דבי רבי ישמעאל זאגט זיין אנדער משל דער קנעכט פון אמלך איז אויך אמלך:

# סליק מסכת שבועות